ספר

# נעימות אליעזר

## על התורה

ומועדים

# שמות

וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם.. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת וגו': ווען עס קומט אָן די הייליגע טעג פון שובבי"ם, דארפן מיר דאך דעמאלט'ס אלע קודם כל קלאר וויסן און קלאר געדענקען, אז דער הייליגער "אר"י הקדוש" איז דאך געווען דער וואס האט אונז מגלה געווען די סוד פון די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" – אז דער הייליגער "אר"י הקדוש" איז דאך געווען דער וואס האט אונז מגלה געווען די גרויס'קייט פון די וואכן פון: "**שְׁ**מוֹת **וָ**אֵרָא **בֹּ**א **בְּ**שַׁלַּח **יִ**תְרוֹ **מִ**שְׁפָּטִים", [און אין א איבער יאר איז דאך דאס אויך: "**תְּ**רוּמָה" און: "**תְּ**צַוֶּה"], און ממילא ווען א יודיש קינד וויל וויסן וואס שובבי"ם איז, דארף ער דאך דעמאלט'ס לכאורה גלייך צו גיין צו דעם הייליגן אר"י הקדוש און איהם פרעגן וואס די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" זענען, ווייל ער איז דאך געווען דער וואס האט מגלה געווען די גאנצע סוד פון שובבי"ם, ניין..?! און ממילא לאמיר טאקע אלע צו גיין צו דעם הייליגן אר"י הק', און לאמיר איהם אלע פרעגן וואס ער האלט וועגן די הייליגע וואכן פון שובבי"ם.

ענטפערט אונז אויף דער הייליגער אר"י הקדוש אין די הייליגע כתבי האר"י, אז די הייליגע טעג פון שובבי"ם איז דאך א צייט וואס א יעדע יודיש קינד קען דאך דעמאלט'ס זוכה זיין צו א: "תיקון הנפש", און אין דעם כלל ווערט דאך אריין גערעכנט "א יעדער איינער" ממש, בלי שום יוצא מן הכלל, מקטן ועד גדול – פון די נידריגסט'ע מדריגה ביז די העכסט'ע מדריגה, און אין די הייליגע כתבי האר"י ווערט דאך שוין אויך געברענגט, אז די תיקון פון די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" איז דאך: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז א מענטש דארף מוסיף זיין שובבי"ם אין דעם ענין פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", און א מענטש דארף זיך מקבל זיין צו לערנען לענגער און לערנען בעסער און לערנען געשמאק'ער אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און מיר וועלן אם ירצה השם באלד אראפ ברענגען די המשך הדברים וואס דער הייליגער אר"י הקדוש שרייבט בנוגע די הייליגע טעג פון שובבי"ם.

אבער פאר אלעמען דארפן מיר אבער קודן וויסן, אז דער הייליגער אר"י הקדוש האט דאך אונז שוין מגלה געווען קלאר און אפן, אז די הייליגע טעג פון שובבי"ם זענען: "ימי תשובה" – אז די הייליגע טעג פון שובבי"ם זענען טעג וואס א מענטש קען דאך דעמאלט'ס גרינגער "תשובה" טוהן, און די הייליגע טעג פון שובבי"ם זענען טעג וואס א מענטש קען דאך דעמאלט'ס גרינגער צוריק קומען צום אייבערשטן.

אבער ווען א מענטש הערט אזעלכע ווערטער אז "ער קען אויך תשובה טוהן", דעמאלט'ס קען ער זיך דאך אסאך מאל מאכן א חשבון און טראכטן ביי זיך אז.. קוק מיר אָן, איך בין דאך אזאליידיגע מענטש, און איך בין דאך אזא פוסט'ע מענטש, און איך האב דאך נישט קיין שום "רוחניות" אין מיין טאג טעגליכ'ן לעבן, ווייל מיין טאג איז דאך למעשה נאר אָן געפילט מיט כל מיני הבלי עולם הזה, און אפילו מיין לערנען און דאווענען וואס איז טוה שוין יא, טוה איך דאס אבער דאך אויך נאר: "כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלוּמָּדָה" – איך טוה דאס נאר ווייל איך האב זיך פשוט אזוי "צו געוואוינט" צו טוהן.

און ווען עס קומט אָן אזעלכע הייליגע הויעכ'ע טעג ווי די הייליגע: "יְמֵי הַשׁוֹבָבִים" וואס יעדער איינער ארבעט דאך דעמאלט'ס אויף א אנדערע חלק אין "רוחניות", קען דאך דעמאלט'ס א מענטש אמאל שפירן ביי זיך אז ער האט דאך נאך קיינמאל נישט באקומען אפילו קיין שום: "חלק הרוחני" אין זיך, ווייל איך בין דאך למעשה אזא ליידיגע מענטש, און ממילא ווי אזוי קען איך בכלל צו גיין צו די הייליגע טעג פון שובבי"ם וואס א יעדער איינער ארבעט דאך דעמאלט'ס אויס צו שלייפן זיין: "חלק הרוחני", איך האב

דאך נאך ניט אמאל קיין שום "רוחניות" אין מיר וואס איך זאל קענען ארבעטן מיט דעם, ווייל איך בין דאך למעשה אזא ליידיגע מענטש..?!

וועגן דעם זאגט איהם טאקע דער הייליגער תורה הק' סוף פרשת ויחי די ווערטער פון: "וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים" וגו', ווייל אין דעם פסוק ליגט דאך מרומז א מורא'דיגע ווארט, ווייל די ווערטער: "**וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר**" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "בְּיוֹמוֹ" – און זיין טאג, ווייל יא ר' יוד, דער הייליגער תורה הק' געבט דאך דא א פשוט'ע "שובבי"ם דרשה" פאר אזא יוד וואס קוקט אריין: "בְּיוֹמוֹ" – אין זיין טאג, און זיין טאג זעהט איהם נעבעך אויס אין זיינע אויגן אינגאנצן אויס געליידיגט פון "רוחניות", ממש.. א געשטארבענ'ע טאג.

און זיין געשטארבענ'ע טאג זאגט דאך איהם שוין דעמאלט'ס ליידער אויך, אז עס גייט דאך שוין באלד אריבער גיין כמה וכמה: "שָׁנִים" – אז עס גייט דאך שוין באלד אריבער גיין כמה וכמה כמה וכמה "יארן" וואס זיינע טעג גייען איהם ליידער א דורך ליידיגערהייט פון "רוחניות", און ממילא וועגן דעם מיינט שוין נעבעך דער מענטש ביי זיך אז.. דאס איז עס, אין מיר איז נישט פאראהנען קיין "רוחניות", ווייל איך בין דאך אזא פראסטע מענטש, און ממילא וועגן דעם מוז דאך לכאורה זיין אז איך האב נישט אין מיר קיין שום: "חלק הרוחני".

זאגט איהם אבער די פסוק דא, אז ניין ר' יוד, עס איז דאך נישט אמת וואס דו זאגס'ט מיר דא, ווייל דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז: "וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ", און רש"י הק' איז דאך אונז שוין מסביר דעם ענין פון "חניטה" ביי די פטירה פון "יעקב אבינו", און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין דארטן קלאר, אז "חניטה" איז א: "עִנְיַן מִרְקַחַת בְּשָׂמִים הוּא" – אז "חניטה" מיינט א צוזאם שטעל פון גוטע שמעקעדיג'ע: "בְּשָׂמִים".

אבער לאמיר אביסל מער אריין טראכטן אין דעם ענין פון "חניטה", און לאמיר פארשטיין דעם גאנצן ענין דא אביסעל'ע קלארער, ווייל וואס איז: "בְּשָׂמִים"..?! אדער בעסער געפרעגט, וואס איז א "שמעק"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז א "שמעק" איז דאך א רוחניות'דיגע זאך, ווייל חז"ל האבן דאך אונז שוין קלאר מגלה געווען, אז די ענין פון: "ריח" קומט דאך פון די: "חלק הנשמה" וואס עס געפונט זיך אין דעם מענטש – די ענין פון א "שמעק" קומט דאך פון די: "חלק הרוחני" וואס עס איז פאראהנען אין דעם מענטש, איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז.. איין מינוט, דו ווילס'ט מיר דא זאגן אז די ענין פון: "ריח" קומט פון די: "חלק הנשמה" וואס עס געפונט זיך אין דעם מענטש..?! איין מינוט, איך פארשטיי נישט וואס דו זאגס'ט מיר דא, א "גוי" קען דאך אויך "שמעקן"..?! און ממילא ווי אזוי קענסטו מיר דא זאגן אז די ענין פון: "ריח" קומט פון די: "חלק הרוחני" וואס עס געפונט זיך אין דעם מענטש..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז ניין ר' יוד, דו האסט נישט פארשטאנען וואס מיר האבן דא געזאגט, ווייל מיר האבן דאך נאר געזאגט דא אז די ענין פון: "ריח" וואס עס געפונט זיך ביי א "מענטש".. קומט פון די: "חלק הרוחני" וואס עס געפונט זיך אין איהם, אבער מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז א "גוי" איז דאך בעצם בכלל נישט קיין "מענטש", נאר א "גוי" איז א פשוט'ע "בהמה", און פון "בהמות" האבן מיר דאך בכלל נישט גערעדט דא יעצט, ווייל מיר האבן דאך נאר גערעדט דא יעצט פון "מענטשן" – ווייל מיר האבן דאך נאר גערעדט דא יעצט פון "יודישע קינדער" וואס זענען: "בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" וואס זענען "מענטשן" [און פירן זיך אויף ווי "מענטשן"].

און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין פרשת לך לך אויף די ווערטער: "וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן", אז די סיבה פארוואס דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז אז אברהם אבינו און שרה אמינו האבן "געמאכט" די אלע מענטשן וואס זיי האבן מגייר געווען איז, ווייל: "שהכניסן תחת כנפי השכינה" – ווייל אברהם אבינו און שרה אמינו זענען דאך געווען די וואס האבן זיי: "מַכְנִיס" געווען: "תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה", און ממילא וועגן דעם זאגט אונז טאקע דער הייליגער תורה הק' אין פרשת לך לך (קפיטל י"ב פסוק ה'), אז: "וְאֶת הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר עָשׂוּ בְחָרָן" – אז אברהם אבינו און שרה אמינו האבן דאך

"געמאכט" די אלע מענטשן וואס זיי האבן מגייר געווען, ווייל א "גוי" איז דאך בעצם בכלל נישט קיין "מענטש", אזוי ווי די מדרש זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין פרשת וירא ביי די פרשה פון עקידת יצחק אויף די ווערטער פון: "שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם הַחֲמוֹר", אז די גוים זענען דאך א: "עם הדומה לחמור", און ממילא יא ר' יוד, אברהם אבינו האט פשוט "געמאכט" אלע גוים וואס זענען געקומען צו איהם פאר "מענטשן", ווייל ווי לאנג דער "גוי" איז נאך געווען א "גוי" איז ער דאך נאך ניט אמאל געווען קיין "מענטש" בכלל.

און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט פון צדיקים לגבי דעם ענין פון "שבת קודש", אז די סיבה פארוואס מען פירט זיך צו שמעקן: "בְּשָׂמִים" פרייטיג צו נאכט'ס איז, ווייל מיר ווילן דאך אלע מקיים זיין מיט דעם די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "הַכְנָסַת אוֹרְחִים" מיט די: "נְשָׁמָה יְתֵרָה" וואס קומט אריין אין דעם מענטש פרייטיג צו נאכט'ס, ווייל דורך דעם וואס מען שמעקט גוטע: "בְּשָׂמִים" פרייטיג צו נאכט'ס, געבט מען דאך דעמאלט'ס דורך דעם א "תענוג רוחני" פאר די: "נְשָׁמָה" – געבט מען דאך דעמאלט'ס דורך דעם א "תענוג רוחני" פאר די: "חלק הרוחני" וואס עס געפונט זיך אין דעם מענטש, ווייל ווען א מענטש שמעקט א גוטע געשמאקע שמעק, געבט ער דאך דעמאלט'ס דורך דעם א "תענוג רוחני" פאר זיין: "נְשָׁמָה", און נישט פאר זיין: "גוּף".

אבער על כל פנים.. דעם ענין דארפן מיר דא אלע וויסן, אז "חניטה" ווייזט דאך אויף א ענין פון "רוחניות", ווייל דער איינציגסט'ער וואס קען הנאה האבן פון דעם: "מִרְקַחַת בְּשָׂמִים" איז דאך נאר די: "חלק הרוחני" וואס עס געפונט זיך אין דעם מענטש, און ממילא דאס זאגט דא דער הייליגער תורה הק' פאר א מענטש וואס שפירט נעבעך אז ער האט דאך נעבעך נישט קיין שום: "חלק הרוחני" אין זיך, אז פארוואס טראכסטו אז דו האסט נישט אין דיר קיין שום: "חלק הרוחני"..?! עס איז דאך בכלל נישט אמת, ווייל: "וַיַּחַנְטוּ אוֹתוֹ" – ווייל דער אייבערשטער האט דאך אריין געלייגט אין דיר גאר גאר א הייליגע: "חלק הרוחני" וואס איז דאך: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", און נישט סתם א: "חלק הרוחני", נאר גאר גאר א גרויסע: "חלק הרוחני".

ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז א יעדע יודיש קינד פארמאגט דאך אין זיך א: "חֵלֶק" אֱלֹקֵי מִמַּעַל, און א יעדע יודיש קינד פארמאגט דאך אין זיך א קליינע אות יו"ד וואס קען דאך קיינמאל נישט פארלוירן ווערן פון איהם, נאר עס בלייבט אלעמאל מיט איהם, וואו ער זאל נאר גיין.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין די ספרים הק', אז ווען צוויי יודן האלטן זיך צוזאמען מיט א אמת'ע: "אַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך דעם: "שֵׁם הוי-ה", ווייל ווען איין אות יו"ד געפונט זיך לעבן דעם צווייטן אות יו"ד, ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך: "יְיָ" – ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך דעם אייבערשטנ'ס נאמען, און עס ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך א אמת'ע שלימות'דיגע: "יְיָ" – עס ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך א אמת'ע: "יִחוּד יהו-ה", ווייל נאר ווען צוויי יודן זענען צוזאמען: "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", איז שורה די הייליגע שכינה הק', און ווען צוויי יודן האלטן זיך צוזאמען מיט א אמת'ע: "אַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך: "נתקדש שם שמים על ידי שניהם", ווייל דורך דעם וואס זיי האלטן זיך "צוזאמען" און: "בְּאַחְדוּת" און זיי זענען מקיים די געוואלדיגע גרויסע מצוה פון: "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", הייליגן זיי דאך דעמאלט'ס מיט זייערע מעשים דעם אייבערשטנ'ס נאמען.

און די אות יו"ד איז דאך א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", און דאס בלייבט דאך אלעמאל א: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל", און עס איז דאך נישט קיין שום חילוק "ווער" דער מענטש איז, און "וואס" ער איז, און "ווי אזוי" ער איז, און "וואו" ער זאל נאר זיין, ווייל א יודיש קינד וועט דאך שטענדיג בלייבן מיט זיין הייליגע: "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" וואס ברענט טיף טיף אין זיין יודישע הארץ.

און ממילא וועגן דעם זאגט טאקע דא דער הייליגער תורה הק' פאר דעם מענטש וואס שפירט ביי זיך דעם: "וַיָּמָת יוֹסֵף" אויפן העכסט'ן מדריגה, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד, אז דיינע אלע חשבונות וואס דו פארמאגס'ט ביי דיר אז דו פארמאגס'ט דאך נישט אין דיר קיין שום: "חלק הרוחני".. הייבט זיך דאך בעצם בכלל נישט אָן, ווייל: "וַיַּחַנְטוּ אוֹתוֹ" – ווייל דער הייליגער באשעפער האט דאך שוין אריין געלייגט אין דיין: "גוּף" א הייליגע: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל" מיט א הייליגע אות יו"ד, און ממילא זאג נישט אז דו האסט נישט אין דיר קיין שום: "חלק הרוחני", ווייל עס איז דאך נישט אמת.

ווייל: "וַיִּישֶׂם" וגו', און דיווארט: "וַיִּישֶׂם" איז דאך טאקע אויך די זעלבע אותיות ווי: "יְיָ שְׁמוֹ", און די כוונה פון דעם איז, טאקע דאס וואס מיר האבן פריער געשמועס'ט, אז ווען צוויי יודישע קינדער קומען זיך צוזאמען, ווערט דאך דעמאלט'ס גלייך א שלימות'דיגע: "שֵׁם הוי-ה" אויפן פלאץ, און די ווארט: "וַיִּישֶׂם" איז דאך א אפענ'ע ראי' אז דו האסט דאך "יא" א גרויסע: "חלק הרוחני" אין דיר, ווייל ווען דו קליינע מענטשעל'ע וועסט זיך צוזאם שטעלן מיט דיין חבר מיט א אמת'ע: "אַחְדוּת כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד", וועט דאך דעמאלט'ס גלייך ווערן א: "וַיִּישֶׂם" – וועט דאך דעמאלט'ס גלייך ארויס קומען דורך ענק: "יְיָ שְׁמוֹ", און עס וועט דאך דעמאלט'ס גלייך ווערן: "נתקדש שם שמים על ידי שניכם", און א: "קִדּוּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם" קען דאך נאר ארויס קומען פון אזא איינער וואס האט א שטיקל: "ניצוץ דקדושה" אין זיך.

און ממילא דער הייליגער תורה הק' וויל דא זאגן פאר אזא צובראכענ'ע יוד'ל וואס שפירט נעבעך ביי זיך אז ער איז אויס געליידיגט פון "רוחניות", אז.. געב נאר א קוק ר' יוד, סוף כל סוף פארמאגסטו דאך אין דיר א אות יו"ד וואס איז דאך א האלבע: "שֵׁם הוי-ה" – סוף כל סוף פארמאגסטו דאך אין דיר א אות יו"ד וואס איז דאך א האלב פון דעם "אייבערשטנ'ס נאמען", און אויב עס איז: "יְיָ שְׁמוֹ" – און אויב דעם אייבערשטנ'ס נאמען איז צוזאם געשטעלט פון צוויי יוד"ן, דעמאלט'ס ביזטו דאך אויך א "חלק" פון דעם: "שֵׁם הוי-ה", ווייל דו ביזט דאך אויך א: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", ווייל א יעדע יודיש קינד פארמאגט דאך אין זיך א: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל" וואס איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ טָהוֹר" און: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ לַיהו-ה", און דאס רירט זיך דאך קיינמאל נישט אוועק פון א יודיש קינד: "עַד סוֹף יָמָיו", און דאס איז דאך בעצם אסאך אסאך גרעסער ווי א קליינע פונק, ווייל דאס איז דאך א: "חֵלֶק" אֱלֹקַי מִמַּעַל – ווייל דאס איז דאך א: "חֵלֶק גָּדוֹל" אין דעם מענטש.

און איינמאל א יודיש קינד פארשטייט שוין גוט דעם געדאנק אז ער פארמאגט דאך שוין אין זיך גאר גאר א גרויסע: "חלק הרוחני" וואס ער דארף פשוט געבן א פלאם אויף און שיין אויס שלייפן, קען ער דאך שוין דעמאלט'ס אריין גיין אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, ווייל איינמאל א מענטש פארשטייט דאך שוין טאקע באמת אז: "יְיָ שְׁמוֹ" – ווייל איינמאל א מענטש פארשטייט דאך שוין טאקע באמת אז ער פארמאגט דאך שוין אין זיך גאר גאר א גרויסע: "חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל", ערשט דעמאלט'ס קען ער זיך שוין צו גרייטן אריין צו גיין אין די הייליגע טעג פון: "**בָּ**אָרוֹן **בְּ**מִצְרָיִם **וְ**אֵלֶּה **שְׁ**מוֹת **בְּ**נֵי **יִ**שְׂרָאֵל **הַ**בָּאִים **מִ**צְרָיְמָה" – וואס די ווערטער איז דאך טאקע ראשי תיבות: "בְּהַשּׁוֹבָבִים", ווייל יא ר' יוד, נאר ווען א מענטש איז זיכער ביי זיך אז דער אייבערשטער האט געמאכט ביי איהם דעם ענין פון "חניטה" און אריין געבויעט אין זיין: "חלק הגשמי" גאר גאר א גרויסע: "חלק הרוחני", און נאר ווען א מענטש איז זיכער ביי זיך אז ער פארמאגט דאך שוין טאקע באמת אין זיך דעם: "יְיָ שְׁמוֹ" – נאר ווען א מענטש איז זיכער ביי זיך אז ער פארמאגט דאך שוין טאקע באמת אין זיך דעם אייבערשטנ'ס נאמען אליין, ערשט דעמאלט'ס קען ער אריין גיין: "בְּהַשּׁוֹבָבִים" – ערשט דעמאלט'ס קען ער אריין גיין אין די הייליגע טעג פון "שובבי"ם".

און א יעדע יודיש קינד דארף טאקע זעהן אריין צו נעמען אין זיך דעם הייליגן געדאנק, און גוט געדענקען, אז עס עקזעסטירט דאך נישט בכלל אזא זאך ווי א "פראסטע יוד", און ליידער ליידער קען מען גאר אסאך מאל הערן ווי מענטשן זאגן אז איך האב קיינמאל נישט געזאגט אז איך בין עפעס א "ערליכע יוד", ניין ניין.. איך בין א פשוט'ע "פראסטע יוד", דארף אזא איינער אבער וויסן, אז עס איז דאך נאך

קיינמאל נישט געבוירן געווארן אזא זאך ווי א "פראסטע יוד", און לאמיר דאס אביסל בעסער געבן צו פארשטיין, ווייל די זאך איז אזוי, אז א יעדער איינער פארשטייט דאך שוין פון זיך אליין, אז קיינער וועט דאך קיינמאל נישט זאגן אויף א "שבת" אז נע.. דער שבת איז עפעס א "פראסטע שבת", איי.. פארוואס נישט..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז וואס הייסט פארוואס נישט..?! שבת איז דאך "שבת קודש" – שבת איז דאך הייליג און טייער, און עס איז דאך נישט דא אזא זאך ווי א "פראסטע שבת", ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז "פראסט" מיינט דאך "פראסט", און די ווארט "פראסט" קענסטו דאך נישט ארויף לייגן אויף די ווארט "שבת", ווייל ווי אזוי זינגען מיר אלע שבת קודש..?! אז: "שבת איז הייליג", און דער ווערט געריינגט, פון א יעדע עבירה וכו', ווייל שבת איז דאך "קודש" – ווייל שבת איז דאך "הייליג".

און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט א "יודיש קינד", ווייל יא ר' יוד, וויסן זאלסטו, אז א יודיש קינד איז אויך הייליג און טייער, און א יעדע איינציג'סטע יודיש קינד איז דאך אויך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ לַיהו-ה" – און א יעדע איינציג'סטע יודיש קינד איז דאך אויך אינגאנצן "הייליג" פארן הייליגן באשעפער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין ירמיה הנביא (קפיטל ב' פסוק ג'), אז ירמיה הנביא האט דאך אונז שוין קלאר געזאגט, אז: "קוֹדֶשׁ יִשְׂרָאֵל לַיהו-ה" – אז א יעדע יודיש קינד איז דאך "הייליג" פארן הייליגן באשעפער..! און עס איז דאך נישט קיין שום חילוק וואו ער געפונט זיך נאר.

און דער אייבערשטער האט דאך אונז שוין טאקע אויך קלאר געזאגט פאר דעם גרויסן הייליגן מעמד פון מתן תורה, אז: "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ", און די קול איז דאך א: "קוֹל גָּדוֹל וְלֹא יָסָף", און די קול ענדיגט זיך דאך נישט תשפ"א, ניין ניין ניין, נאר די קול גייט ווייטער אָן פאר אונז אלע, און א יעדע יודיש קינד דארף דאך טאקע שטענדיג וויסן ביי זיך, אז ער האט א אחריות צו פראבירן צו זיין א: "גוֹי קָדוֹשׁ" וואו ווייט עס איז נאר שייך, ווייל א יעדע יודיש קינד איז דאך במהותו אויך: "קוֹדֶשׁ" – ווייל א יעדע יודיש קינד איז דאך במהותו אויך הייליג און טייער פונקט אזוי ווי דער הייליגער "שבת קודש" וואס איז דאך: "קוֹדֶשׁ" ווייל: "בֵּרַךְ יהו-ה אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת וַיְקַדְּשֵׁהוּ" – ווייל דער אייבערשטער האט דאך איהם שוין געהייליגט.

און יא ר' יוד, דו זאלסט וויסן זייער קלאר, אז: "קוֹדֶשׁ יִשְׂרָאֵל לַיהו-ה" – אז דער אייבערשטער האט דאך דיר אויך געהייליגט, און דו דארפס'ט נאר זיכער מאכן אז: "שְׁמֹר שְׁאֵרִית עַם קָדוֹשׁ" – און דו דארפס'ט נאר זיכער מאכן אפ צו היטן די אלע "גדרי הקדושה והטהרה" וואס איז שורה ביי דעם הייליגן: "עַם קָדוֹשׁ", און דו דארפס'ט נאר זיכער מאכן אז: "וְאַל יֹאבַד גּוֹי קָדוֹשׁ" – און דו דארפס'ט נאר זיכער מאכן אז דו זאלסט נישט ווערן ח"ו אויס: "גּוֹי קָדוֹשׁ".

און יא ר' יוד, א יעדע יודיש קינד איז דאך גאר גאר א הייליגע זאך, און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק', אז ווען א יודיש קינד גייט ח"ו אוועק פון דער וועלט, פארלירט דעמאלט'ס די גאנצע וועלט א געוויסע קליינע "חלק הקדושה" וואס זי האט געהאט פאר דעם, און די גאנצע וועלט טראסקע'ט דעמאלט'ס אראפ א מדריגה אין איר "קדושה" וואס זי האט געהאט ביז יעצט, און וועגן דעם מוזן מיר זיך טאקע דעמאלט'ס אלע גלייך ווענדן צום הייליגן באשעפער מיט די בקשה פון: "יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא" – אז דער אייבערשטער זאל צוריק ברענגען אויף דער וועלט דעם קליינעם "חלק הקדושה" וואס מיר האבן ליידער פארלוירן יעצט דורך די פטירה פון דעם יוד וואס איז נעבעך נפטר געווארן יעצט, ווייל יא ר' יוד, א יעדע איינציג'סטע יודיש קינד איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ לַיהו-ה" – א יעדע איינציג'סטע יודיש קינד איז דאך אינגאנצן הייליג פארן הייליגן באשעפער עד אין שיעור וערך.

און דער הייליגער שר התורה מרן החתם סופר זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך שוין טאקע אמאל געזאגט, אז אויב איינער לייגט ארויף די האנט אויף א צווייטע יוד בדרך זלזול, האט ער דעמאלט'ס פשוט מועיל געוועו בהקדש, ווייל יא ר' יוד, א יעדע יודיש קינד איז "הקדש" – א יעדע יודיש קינד איז הייליג..!

און אויב האסטו ארויף געלייגט די האנט אויף א צווייטע יוד, האסטו דאך דעמאלט'ס פשוט מועיל געווען בהקדש.

און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין פסוק גלייך נאך מתן תורה, אז דער אייבערשטער האט זיך דאך שוין דעמאלט'ס גלייך אָן גערופן צו די יודישע קינדער, און דער אייבערשטער האט דאך שוין דעמאלט'ס גלייך געבעטן די יודישע קינדער, אז: "וְאַנְשֵׁי קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי" – אז איר זאלט זיך אלע פירן הייליג, אבער דו ווייסט פארוואס..?! ווייל: "כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ" – ווייל דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי א הייליג פאלק, און: "בְּךָ בָּחַר יהו-ה" – און דער אייבערשטער האט דאך דיר אויס געקליבן פון אלע הונדערט'ער טויזנט'ער גוים וואס געפונען זיך אויף דער וועלט, און ממילא וועגן דעם דארפסטו דאך אויך זיין "הייליג".

און דאס אז א יודיש קינד איז "הייליג" איז דאך שוין א פשוט'ע "הבטחה" פון דעם הייליגן באשעפער – און דאס אז א יודיש קינד איז "הייליג" איז דאך שוין א פשוט'ע "צו זאג" פון דעם הייליגן באשעפער, ווייל עס שטייט דאך שוין בפירוש אין פסוק אין פרשת כי תבוא (קפיטל כ"ו פסוק י"ח), אז: "וַיהו-ה הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם" – אז דער הייליגער באשעפער האט דאך דיר שוין צו געזאגט, אז וואס..?! אז: "לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָךְ" וגו', און: וְלִהְיֹתְךָ "עַם קָדֹשׁ" לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר – און אז דו וועסט אייביג בלייבן א "הייליג" פאלק פארן הייליגן באשעפער.

און אויב מיר האבן אזא "צו זאג" פון דעם הייליגן באשעפער, טארן מיר זיך דאך דעמאלט'ס נישט האלטן ביליג ח"ו און זאגן אז מיר זענען דאך שוין סיי ווי סיי אזוי איין געזינקען אין די שווערע ביטער'ע נסיונות פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות, נאר מיר דארפן זיך פשוט גוט אָן כאפן אין דעם הייליגן הבטחה פון דעם הייליגן באשעפער וואס האט דאך אונז שוין צו געזאגט אז: "וְלִהְיֹתְךָ עַם קָדֹשׁ לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר" – מיר דארפן זיך פשוט גוט אָן כאפן אין דעם הייליגן הבטחה פון דעם הייליגן באשעפער וואס האט דאך אונז שוין צו געזאגט אז מיר וועלן אלע שטענדיג בלייבן א "הייליג פאלק" פארן הייליגן באשעפער.

און ווען דער יצר הרע וויל אונז אמאל אראפ ווארפן אין א עבירה, דארפן מיר דאך דעמאלט'ס גלייך טראכטן, אז עס פאסט דען פאר א קינד פון אזעלכע הייליגע אבות הק' צו טוהן אזא און אזא עבירה..?! עס פאסט דאך נישט..?! ווייל מיר זענען דאך אלע "הייליג" פארן הייליגן באשעפער..?! און ממילא וועגן דעם: "וְאֶטָּהֵר וְאֶתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה" – און ממילא וועגן דעם וועל איך זיך ווייטער האלטן "הייליג" און "ריין" פארן הייליגן באשעפער, און איך וועל איהם ווייטער בעטן אז: "וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת".

און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך גלייך אין די אנהייב פון די וואכעדיגע פרשה, אז די סיבה פארוואס די פסוק האט דא נאך אמאל אויס גערעכנט די נעהמען פון די: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" ביי זייער שטארבן איז געווען, כדי: "להודיע חיבתן שנמשלו לכוכבים" – כדי צו לאזן וויסן אז די יודישע קינדער זענען צו געגליכ'ן צו די "שטערן" וואס זענען דאך שטענדיג "באליבט", שטעלט זיך אבער לכאורה א קשיא דא, אז וואס איז פשט פון דעם לשון: "להודיע" חיבתן וכו'..?! עס וואלט דאך לכאורה נאר געדארפט שטיין דא אין רש"י הק' אז די סיבה פארוואס די פסוק האט דא נאך אמאל אויס גערעכנט די נעהמען פון די: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" ביי זייער שטארבן איז געווען, ווייל די יודישע קינדער זענען דאך צו געגליכ'ן צו די "שטערן" וואס זענען דאך שטענדיג "באליבט", וואס איז אבער פשט פון דעם לשון: "להודיע" – וואס איז אבער פשט פון דעם לשון "צו לאזן וויסן"..?! "פאר וועמען" זאל מען דא לאזן וויסן..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דו ווייסט "פאר וועמען" די ווארט: "להודיע" איז – דו ווייסט "פאר וועמען" מען דארף דא לאזן וויסן אז די יודישע קינדער זענען צו געגליכ'ן צו די "שטערן" וואס זענען דאך שטענדיג "באליבט"..?!..?! פאר "דיר"..! און יא ר' יוד, די פסוק קומט דיר דא: "להודיע" – די פסוק קומט "דיר" דא מודיע זיין אז דו ביזט דאך גאר גאר א גרויסע: "כוכב" ביים אייבערשטן – די פסוק

קומט "דיר" דא מודיע זיין אז דו ביזט דאך גאר גאר א גרויסע "שטערן" ביים אייבערשטן, און די פסוק קומט "דיר" דא מודיע זיין אז דו ביזט דאך גאר גאר שטארק באליבט און הייליג ביים הייליגן באשעפער.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז עס איז אמת טאקע וואס דו זאגס'ט מיר דא, אבער איך בין דאך נישט פון די חשוב'ע ערליכע יודן, איך בין דאך פון די: "פְּשׁוּטֵי עַם" – איך בין דאך פון די פשוט'ע יודן, און ממילא ווי אזוי קענסטו בכלל פארלאנגען פון א פשוט'ע יוד אז ער זאל זיין אזוי הייליג..?! איך בין דאך פון די: "פְּשׁוּטֵי עַם"..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז עס איז דאך בכלל נישט אמת, ווייל מיר געפונען דאך שוין אין דער הייליגער תורה הק', אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר משה רבינו גלייך פאר דעם גרויסן הייליגן מעמד פון מתן תורה, אז: לֵךְ אֶל "הָעָם" – אז ער זאל דוקא גיין צו די: "פְּשׁוּטֵי עַם", און דוקא זיי: "וְקִדַּשְׁתָּם" – און דוקא זיי זאלסטו הייליגן, ווייל פון א אויס גע'ארבעט'ע יוד ערווארט דאך נישט דער אייבערשטער אזוי שטארק אז ער זאל זיך פירן: "בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה" ווי דער אייבערשטער ערווארט דאס פון דיר, ווייל דער ערליכע יוד איז דאך שוין סיי ווי סיי גאר גאר "הייליג".

אבער פון א פשוט'ע מענטש ווי "דיר", ערווארט דאך שוין יא דער אייבערשטער אז דו זאלסט איהם אביסל אוועק געבן פון דיר פאר דעם גרויסן הייליגן מצוה פון: "וְקִדַּשְׁתָּם", און פון א פשוט'ע מענטש ווי "דיר" ערווארט דאך שוין יא דער אייבערשטער אז דו זאלסט איהם אביסל אוועק געבן פון דיר פאר דעם גרויסן הייליגן מצוה פון: "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ".

און איינמאל א יודיש קינד נעמט גוט אריין אין זיך דעם געדאנק אז איך בין הייליג און טייער, ווערט דאך איהם שוין דעמאלט'ס אטאמאטיש אסאך אסאך גרינגער צו דינען דעם הייליגן באשעפער, ווייל ער ווייסט דאך שוין דעמאלט'ס זייער קלאר ביי זיך, אז: "כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהו-ה אֱלֹקֶיךָ" – אז איך בין דאך אלעמאל געווען הייליג, און איך וועל דאך אלעמאל זיין הייליג, און איינמאל א מענטש פארשטייט שוין דעם יסוד אז עס איז דאך נישט דא אזא זאך ווי א יוד וואס האט נישט אין זיך קיין פנימיות'דיגע: "חלק הרוחני", ערשט דעמאלט'ס קען ער ערשט צו גיין צו די הייליגע וואכן פון שובבי"ם און אריין גיין: "בְּהַשּׁוֹבָבִים" – אין די "הארץ" פון שובבי"ם, וואס דאס איז דאך, זיך צו "הייליגן" פארן הייליגן באשעפער: "בקדושה יתירה", און אזוי אויך מוסיף צו זיין צו די הייליגע עבודת ימי השובבי"ם אביסעל'ע תבלינים וואס ווערט אָן גערופן דער הייליגער: "תּוֹרָה" הק', און צוזאמען מיט דעם גרויסן: "כֹּחַ הַתּוֹרָה" אָן הייבן צו טוהן פעולות כדי נענטער צו ווערן צום הייליגן באשעפער און צו זיין הייליגער: "תּוֹרָה" הק'.

און מענטשן מיינען נאך נעבעך אסאך מאל, אז די טעג פון שובבי"ם זענען דאך נאר געמאכט געווארן צו ארבעטן אויף זיך מיט שווערע סיגופים און תעניתים, אבער עס הייבט זיך דאך בעצם בכלל נישט אָן, ווייל קודם כל דארף דאך א מענטש וויסן, אז דער הייליגער "אר"י הקדוש" איז דאך געווען דער וואס האט אונז מגלה געווען די סוד פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים" – אז דער הייליגער "אר"י הקדוש" איז דאך געווען דער וואס האט אונז מגלה געווען אז די וואכן פון: "**שְׁ**מוֹת **וָ**אֵרָא **בֹּ**א **בְ**שַׁלַּח **יִ**תְרוֹ **מִ**שְׁפָּטִים" זענען טעג פון "תשובה", [אזוי ווי מיר האבן דאך שוין טאקע פריער דערמאנט].

אבער איין מינוט, ווי אזוי טוט מען "תשובה" אין די יעצטיגע גרויסע טעג..?! ענטפערט דאך אונז שוין אויף דעם דער הייליגער אר"י הקדוש אין די הייליגע כתבי אר"י, אז די וועג "תשובה" צו טוהן אין די יעצטיגע גרויסע טעג איז, דורך דער הייליגער "תורה" הק', ווייל די נביא זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין הושע הנביא (קפיטל י"ד פסוק ג'), אז: "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים" – אז נעמט'ס מיט ענק די הייליגע: "דִּבְרֵי תּוֹרָה", און דוקא דורך דעם: "וְשׁוּבוּ אֶל יהו-ה" – און דוקא "דורך דעם" זאלט איר זיך צוריק קערן צום הייליגן באשעפער.

און עס איז אמת טאקע אז דער הייליגער אר"י הקדוש דערמאנט דאך שוין טאקע אויך דעם ענין אז מען דארף זיך: "מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר" זיין פארן הייליגן באשעפער אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, אבער פון די אנדערע זייט שרייבט דאך שוין אבער אויך דער הייליגער אר"י הקדוש אין די הייליגע כתבי אר"י, אז

תעניתים און סיגופים פאר א: "בֶּן תּוֹרָה" איז אסור בתכלית האיסור..! ווייל פאר א: "בֶּן תּוֹרָה" איז דאך נישט געמאכט געווארן די אלע תעניתים און סיגופים"..! עס איז פשוט נישט געמאכט געווארן פאר איינער וואס זיצט און הארעווע'ט אין דער הייליגער תורה הק', נאר די תשובה פון א: "בֶּן תּוֹרָה" איז, דעם ענין פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז א: "בֶּן תּוֹרָה" דארף דאך נאר מוסיף זיין אין דעם ענין פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און א: "בֶּן תּוֹרָה" דארף זיך דאך נאר מקבל זיין אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם צו לערנען "לענגער" און צו לערנען "בעסער" און צו לערנען "געשמאק'ער".

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין דעם הייליגן ספר הק' ואין למו מכשול על התורה, וזלה"ק, אז: "לימוד התורה מכפר על עוונות האדם" – אז לימוד התורה איז דאך א כפרה אויף אלע עבירות פון א מענטש, און ממילא וועגן דעם: "לפיכך תלמיד חכם העוסק בתורה אין לו להתענות בצומות שאינם חובה כגון בימי השובבי"ם וכדומה" – און וויבאלד לימוד התורה איז מכפר אויף די עבירות פון א מענטש, ממילא וועגן דעם זאל א תלמיד חכם וואס לערנט אויס דרוק'לעך "נישט" פאסטן שובבי"ם, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל: "מפני שהתענית מחלישה את הגוף" – ווייל פאסטן שוואכט דאך אפ די: "גוף" פון א מענטש, און: "וגורמת לאדם למעט בעסק התורה" – און פאסטן איז דאך נאר גורם אז דער מענטש זאל "ווייניגער לערנען", און אויב "לערנסטו ווייניגער" אין די גרויסע הייליגע טעג פון "שובבי"ם", דעמאלט'ס האסטו דאך שוין צו ריסן די עיקר תיקון פון שובבי"ם וואס ווערט דאך אָן גערופן: "לִמּוּד הַתּוֹרָה".

און: "ואפילו אם נכשל באיזה עוון חמור" – און אפילו אויב דער: "בֶּן תּוֹרָה" איז ליידער נכשל געווארן אין גאר גאר א הארב'ע עבירה, טאר ער אבער דעמאלט'ס נאך אלץ נישט לויפן צו קיין תעניתים און סיגופים, נאר: "ישוב בתשובה שלימה" – נאר ער זאל דעמאלט'ס גלייך "חרטה" האבן אויף דאס וואס ער האט געטוהן, און: "וירבה ללמוד תורה יותר ממה שהיה רגיל בעבר" – און ער זאל דעמאלט'ס נאר פארמערן צו לערנען דער הייליגער תורה הק' מער וויפיל ער איז געווען געוואוינט צו לערנען ביז יעצט, און: "ובזכות זה יסור עוונו וחטאתו תכופר" – און אין דעם זכות פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" וועט ער זוכה זיין צו באקומען א תיקון אויף זיינע שלעכטע מעשים.

ווייל יא ר' יוד, א: "בֶּן תּוֹרָה" דארף "תשובה" טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם דורך דער הייליגער "תורה" הק', און וועגן דעם זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך דער מחבר פון דעם הייליגן ספר הק' ואין למו מכשול, אז אזא איינער וואס איז: "כל חפצו ועמלו בתורה הקדושה" – אז אזא איינער וואס זיצט און לערנט דער הייליגער תורה הק', זאל אויס דרוק'לעך "נישט" פאסטן שובבי"ם, נאר ער זאל זיך דעמאלט'ס צוריק אריין ווארפן אין דעם הייליגן: "יַם הַתַּלְמוּד", און דאס וועט זיין די בעסטע "תשובה" אויף זיינע עבירות וואס ער האט געטוהן.

און אזוי ברענגט דאך שוין טאקע אויך די ביאור הלכה (סימן תקע"א דברי המתחיל ת"ח) פון דעם הייליגן של"ה הק' בשם ספר חרדים וואס האט געטראפן אין איינער פון די ספרי האר"י ז"ל א מורא'דיגע לשון בנוגע דעם ענין, און דאס איז דאך טאקע אויך ממש די זעלבע ווערטער פון דעם הייליגן אר"י הק', וזלה"ק, אז: "שכל מה שתמצא בספרים שצריך סיגופים ותעניות" וכו' – אז דאס וואס מען זעהט אין די הייליגע ספרים הק' אז עס איז דא אמאל וואס א מענטש דארף מאכן סיגופים און תעניתים.. איז: "לא נזכרו דברים אלו אלא למי שאין עמלו בתורה" – דאס אלעס איז דאך נאר געזאגט געווארן פאר אזא איינער וואס פלאגט זיך נישט אויף דער הייליגער "תורה" הק'.

אבער: "אבל מי שתורתו אומנתו ויודע דעת ויראת השם" – אבער איינער וואס איז א: "בֶּן תּוֹרָה" און ער לערנט שטענדיג דער הייליגער "תורה" הק', און ער פארשטייט וואס דאס מיינט: "יִרְאַת שָׁמַיִם", אזא איינער איז: "לא יחלש ולא יתבטל מלימודו" – אזא איינער זאל ח"ו נישט נאך לאזן פון זיינע לימודים און

לויפן צו תעניתים און סיגופים, נאר פארקערט, אזא איינער זאל ווייטער לערנען דער הייליגער "תורה" הק' מיט א געשמאק און מיט א ליכטיג'קייט, און ער זאל ווייטער שטייגן מעלה מעלה: "בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה וּבְיִרְאַת יהו-ה טְהוֹרָה".

און דער הייליגער אר"י הקדוש זאגט אונז דא ווייטער נאך א וויכטיגע זאך, און דאס איז, אז עס איז פארהאן נאך איין: "תיקון השובבי"ם" וואס א יעדע מענטש דארף מאכן אין די גרויסע הייליגע טעג פון שובבי"ם, און דאס איז דאך, וזלה"ק, אז עס איז אמת טאקע אז די עיקר "תיקון השובבי"ם" איז טאקע: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", אבער: "אך יום אחד מן השבוע יתרחק מבני אדם" – אבער פונדעסטוועגן זאל אבער א מענטש אויך זעהן אויס צו קלויבן איין טאג פון די וואך, און ער זאל זיך דעמאלט'ס אביסל דער ווייטער'ן פון די אויגן פון מענטשן פאר א פָּאר מינוט, און: "ויתבודד בינו לבין קונו" – און ער זאל זיך דעמאלט'ס אויס רעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, און ער זאל דעמאלט'ס דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט נעבעך אריבער אויף איהם, און: "ויתקשר מחשבתו בו כאילו כבר עומד לפניו ביום הדין" – און ער זאל דעמאלט'ס צו בינדן זיין מחשבה צום הייליגן באשעפער, און ער זאל זיך דעמאלט'ס פָּאר שטעלן ווי כאילו ער שטייט שוין יעצט ביי זיין גרויסן: "יוֹם הַדִּין" אויפן: "עוֹלָם הָאֱמֶת".

און: "וידבר לא-ל יתברך כאשר ידבר העבד אל רבו ובן אל אביו" – און ער זאל דעמאלט'ס פשוט רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי א קנעכט רעדט צו זיין הַאר, און אזוי ווי א קינד רעדט צו זיין טאטן, און די פעולה.. וועט שוין פאר געבן אויף אלע זיינע זינד, ווייל ווען א יודיש קינד רעדט זיך אויס זיין הארץ צו זיין הייליגן טאטן אין הימל אויף זיין אייגענעם שפראך, שפאלט ער דאך דעמאלט'ס א דורך אלע הימלען אויבן אין הימל, און ער קען דאך דעמאלט'ס אָן קומען צו די העכסט'ע טויער'ן אויבן אין הימל.

אבער על כל פנים קומט דאך אויס פון דעם א מורא'דיגע זאך, און דאס איז דאך, אז די דעת האר"י ז"ל [וואס האט דאך אונז מגלה געווען די גאנצע סוד פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים"] איז געווען, אז א: "בֶּן תּוֹרָה" דארף דאך נאר טוהן צוויי פעולות כדי "תשובה" צו טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און די צוויי פעולות וואס א: "בֶּן תּוֹרָה" דארף טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם זענען דאך ווי פאלגענד:

1) מוסיף צו זיין אין: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" אביסל מער ווי געווענטליך, און לערנען "לענגער", און לערנען "בעסער", און לערנען "געשמאק'ער".

2) זיך אויס רעדן דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער אויף די אייגענ'ע שפראך אלעס וואס עס גייט נאר אריבער אויף א מענטש, [און אזוי שרייבט דאך שוין טאקע אויך דער הייליגער "חיי אדם"].

און דער ענין אז א מענטש דארף תשובה טוהן שובבי"ם דורך די ווערטער פון דער הייליגער "תורה" הק', איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם ווארט: "שׁוֹבָבִים", ווייל די ווארט: "שׁוֹבָבִים" איז דאך טאקע אויך די זעלבע אותיות ווי: "יָשׁוּב בָּם" – אז א מענטש זאל תשובה טוהן שובבי"ם דורך די ווערטער פון דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט דאך אָן גערופן: "בָּם" כידוע, ווייל עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז די ווארט: "בָּם" גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק', אזוי ווי חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע בפירוש אויף דעם פסוק פון: "וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם" וגו' וואס מיר זאגן אלע א יעדן טאג ביי קריאת שמע, אז די ווארט: "בָּם" גייט דאך ארויף אויף דער הייליגער "תורה" הק', און חז"ל זאגן דאך אונז שוין דארטן קלאר, אז: וְדִבַּרְתָּ "בָּם" – אז פון דער הייליגער "תורה" הק' זאלסטו זעהן צו רעדן, אבער: "ולא בדברים בטלים" – אבער דו זאלסט נישט רעדן ח"ו קיין: "דברים בטלים".

און די ווארט: "פֶּה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא צוויי מאל די ווארט: "בָּם" [מיטן כולל], ווייל יא ר' יוד, עס איז פארהאן צוויי סארטן "תיקונים" וואס א מענטש דארף טוהן שובבי"ם מיטן "מויל" על פי דעת האר"י ז"ל, און די צוויי "תיקונים" זענען ווי פאלגענד:

1) מוסיף צו זיין אין: "לִמּוּד הַתּוֹרָה" אביסל מער ווי געווענטליך, און לערנען "לענגער", און לערנען "בעסער", און לערנען "געשמאק'ער".

2) זיך אויס רעדן דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער אויף די אייגענ'ע שפראך אלעס וואס עס גייט נאר אריבער אויף א מענטש, און אויף בויען דורך דעם די הייליגע: "אֱמוּנָה בְּלֵב הָאָדָם", ווייל דורך דעם וואס מען שמועס'ט זיך אויס דאס הארץ מיטן הייליגן באשעפער אלעס וואס עס טוט נאר ווי, בויעט מען מיט דעם אויף די הייליגע: "אֱמוּנָה" אין די הארץ פון א יודיש קינד.

און ווי אזוי זאגט אונז ירמיה הנביא אין זיין הייליגן ספר ירמיה הנביא (קפיטל ג' פסוק י"ד)..?! אז דער הייליגער באשעפער האט דאך שוין געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים" – אז קערט'ס ענק צוריק מיינע קינדער [צו מיר] אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, אבער איין מינוט הייליגער טאטע אין הימל, ווי אזוי זאלן מיר זיך צוריק קערן צו דיר אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם..?! ווי אזוי טוט מען דאס..?! ווי אזוי קערט מען זיך צוריק צו דיר יעצט..?! ענטפערט דאך אונז שוין אויף דעם דער הייליגער באשעפער, אז דו ווייסט ווי אזוי מען קומט צוריק צו מיר אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם..?! איך וועל דיר זאגן ווי אזוי מען קומט צוריק צו מיר אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם, מען קומט צוריק צו מיר אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם, דורך: "נְאֻם יהו-ה" – דורך דעם וואס מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אויף די אייגענ'ע שפראך.

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט פון איינער פון די פריער'דיגע צדיקים א מורא'דיגע מעשה אויף דעם ענין דא, און דאס איז דאך, אז עס איז געווען אמאל א געוויסע שטאט וואס עס איז געשטארבן דארטן עפעס א געוויסע יוד'ל אין יענעם שטעט'ל, און דער יוד וואס איז דעמאלט'ס נפטר געווארן איז גראדע נישט געווען קיין ערליכע יוד, נאר פונקט פארקערט, ער איז געווען גאר גאר א גרויסע "רשע", און ווען דער רשע איז געשטארבן, האט זיך דעמאלט'ס די רב פון די שטאט אָן גערופן דארטן, אז וויסן זאלט איר טייערע יודן, אז עס טוט זיך יעצט אפ גאר גאר א גרויסע "רעש" אין אלע הימלען, האט מען דעמאלט'ס גלייך געפרעגט דעם גרויסן רב דארטן, אז זאג נאר כבוד הרב, וואס הייסט אז עס טוט זיך יעצט אפ גאר גאר א גרויסע "רעש" אין אלע הימלען..?! דער מענטש איז דאך בכלל נישט געווען קיין: "צַדִּיק"..?! נאר פונקט פארקערט, ער איז דאך געווען גאר גאר א גרויסע "רשע"..?! און ממילא פארוואס רעש'ט זיך יעצט אין אלע הימלען וועגן איהם..?!

האט זיי דעמאלט'ס דער רב גע'ענטפערט, אז טאקע דערפאר רעש'ט זיך יעצט אויבן אין הימל וועגן איהם, ווייל מען האט דאך איהם געהאט אראפ געשיקט אויף דער וועלט פאר "זיבעציג יאר צוריק", און זייט דעמאלט'ס האט מען דאך נישט געהערט פון איהם, "ווייל דער יוד האט דאך קיינמאל נישט גערעדט קיין איין ווארט צום אייבערשטן"..! און דער יוד האט דאך קיינמאל נישט געבעטן קיין שום "תפילה" פון דעם אייבערשטן, און ממילא יעצט ווען דער יוד קומט צוריק ארויף אויף יענע וועלט לאחר פטירתו, טוט זיך דאך אפ גאר גאר א גרויסע "רעש" אין אלע הימלען, ווייל אלע פרעגן דאך איהם יעצט אויף איינמאל, אז.. זאג מיר נאר ר' יוד, וואו ביזטו געווען ביז יעצט..?! מיר האבן דאך שוין נישט געהערט פון דיר פאר גאנצע "זיבעציג יאר"..?!

ווייל דו האסט זיך דאך קיינמאל נישט געלאזט הערן דא אין הימל, און דו האסט דאך נאך קיינמאל נישט גערעדט קיין איין ווארט צום אייבערשטן..! און מען האט דיר דאך נאך קיינמאל נישט געהערט דא אויבן אין הימל, און דו האסט דאך נאך אפילו נישט ארויף געשיקט קיין איין "תפילה" אויבן אין הימל פארן הייליגן באשעפער, און ממילא.. שלום עליכם ר' יוד, וואו זענט איר געווען ביז יעצט..?! מען האט דאך דיר אראפ געשיקט אויף דער וועלט זיבעציג יאר צוריק ווייל מען האט געוואלט הערן דיין: "וָאֶתְחַנַּן אֶל יהו-ה", אבער גארנישט.. קיין איין ווארט האסטו אונז נישט פארגינט..! מען האט דאך שוין נישט געהערט פון דיר פאר גאנצע "זיבעציג יאר"..?! דו שעמס'ט זיך נישט מיט וואס דו האסט געטוהן דא..?!

און ממילא האט דער רב אויס געפירט, אז ניין טייערע יודן, מיינט'ס נישט אז דאס וואס עס רעש'ט זיך יעצט אויבן אין הימל איז עפעס א "גדולה" פאר דעם מענטש, ניין ניין ניין, בכלל נישט, די רעש וואס טוט זיך יעצט אפ אויבן אין הימל איז דאך בכלל נישט קיין "גדולה" פאר דעם מענטש, נאר פונקט פארקערט, די רעש וואס טוט זיך יעצט אפ אויבן אין הימל איז גאר א "בושה" פאר דעם מענטש, און די "בושה וכלימה" וואס דער מענטש באקומט יעצט אויף יענע וועלט איז דאך שוין א "בושה וכלימה" שאין כדוגמתו..!

אבער פון דעם זעהען מיר דאך שוין אבער א מורא'דיגע זאך, ווייל פון דעם זעהען מיר דאך שוין אלע זייער קלאר, אז.. יא, א יעדעווארט וואס א יודיש קינד זאגט פאר דעם הייליגן באשעפער מאכט דאך גאר גאר א גרויסע "רעש" אויבן אין הימל, און אלע הימלען הערן דאך דאס אויס מיט א מורא'דיגע "ליבשאפט", און זיי רופן זיך דאך דעמאלט'ס אלע אָן: "בְּפֶה אֶחָד", אז אַה.. געב נאר א קוק, מען הערט ארויס די קול פון אונזער דוד יענק'ל וואס שרייט ארויס: "מִמַּעֲמַקִּים" – פון די טיפעניש'ן פון זיין הארץ אז: "קְרָאתִיךָ יהו-ה" – אז איך רוף צו דיר הייליגער באשעפער, און אַה.. וואס פאר א: "חֵן" באקומט אזא "תפילה", און וואס פאר א "ליבשאפט" באקומט אזא "געשריי", און עס איז דאך הונדערט פראצענט אז דאס ווערט אויס געהערט אויבן אין הימל, און עס איז דאך הונדערט פראצענט אז דאס ברענגט צוריק גאר גאר גרויסע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, און ממילא אפילו איך האב שוין געבעטן "צוויי טויזנט" תפילות, וועל איך אבער בעטן "צוויי טויזנט און איין" תפילות, ווייל א יעדע ווארט פון א יודיש קינד צו זיין הייליגן טאטן אין הימל מאכט דאך גאר גאר שטארק אויס אויבן אין הימל.

און מען זעהט דאך שוין טאקע אויך בפירוש ביי משה רבינו, אז משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן "פינעף הונדערט און פופצן תפילות" [כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "וָאֶתְחַנַּן"] אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און ווען ער האט שוין גע'ענדיגט בעטן די פינעף הונדערט און פופצן תפילות אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", האט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער געזאגט, אז ער זאל מער נישט בעטן אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", און חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש אויף דעם, אז אויב משה רבינו וואלט געבעטן דעם אייבערשטן נאך "איין" תפילה אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", וואלט זיך איהם דעמאלט'ס גע'עפענט אלע טויער'ן אויבן אין הימל, און ער וואלט טאקע דעמאלט'ס געקענט זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

און ממילא יא ר' יוד, רעד צום אייבערשטן פון די פלאץ וואו דו שטייס'ט, און זוך נישט קיין גרויסע: "חָכְמוֹת" און אופנים ווי אזוי "תשובה" צו טוהן, נאר רעד זיך אויס דאס הארץ צום הייליגן באשעפער אויף דיין אייגענעם שפראך, און אויב דו דארפס'ט "פרנסה", דעמאלט'ס גיי נישט צו קיינעם, נאר גיי צום הייליגן באשעפער אליין, און אויב דו דארפס'ט א "ישועה", דעמאלט'ס גיי נישט צו קיינעם, נאר גיי צום הייליגן באשעפער אליין, און רעד צום אייבערשטן פון וואו דו ביזט נאר, און דו וועסט שוין זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן שנעלער ווי דו מיינס'ט, און בעט דעם אייבערשטער א יעדע קליינע זאך וואס דו דארפס'ט נאר, און טראכט נישט אז ס'איז קינדער'יש אדער צו אסאך, נאר זאג איהם וואס דו טראכס'ט, און זאג איהם וואס דו דארפס'ט נאר, ווייל קיין איין "תפילה" גייט דאך נישט אומזיסט.

און דאס זאלסטו טוהן אלץ: "תיקון השובבים", וואס..?! צוריק אָן הייבן צו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין אייגענעם שפראך, ווייל דאס האט דאך דער הייליגער אר"י הקדוש אונז געהייסן טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און ער האט דאך מגלה געווען די גאנצע זאך פון שובבי"ם, און ממילא יא ר' יוד, דערצייל פארן אייבערשטן אלעס וואס עס טוט דיר נאר וויי, און רעד זיך אויס נאר צו "איהם", און פאר ענטפער זיך נאר פאר "איהם", און מאך תפילות נאר פאר "איהם", און טוה תשובה נאר פאר "איהם", און אנטשולדיג זיך נאר פאר "איהם", און זינג נאר צו "איהם", און ווער נאר נענטער צו "איהם".

און דורך דעם וואס א יודיש קינד וועט טאקע באמת מוסיף זיין אין דער הייליגער "תורה" הק', און ער וועט צוריק אָן הייבן צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין אייגענעם שפראך און איהם דערציילן אלעס וואס עס טוט איהם נאר וויי, וועט ער טאקע קענען זוכה זיין דורך דעם צו א אמת'ע ריכטיגע: "תיקון השובבי"ם" על פי דעת האר"י ז"ל זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל וואס האט דאך מגלה געווען די גאנצע סוד פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", און דורך דעם וואס: "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים" – און דורך דעם וואס א יודיש קינד וועט נעמען זיינע פשוט'ע "דיבורים", און: "וְשׁוּבוּ אֶל יהו-ה" – און ער וועט מאכן פון זיינע פשוט'ע דיבורים "הייליגע דיבורים", וועט ער טאקע דעמאלט'ס קענען זוכה זיין צו באקומען א אמת'ע: "תיקון השובבי"ם", און ער וועט דאך שוין טאקע דעמאלט'ס אויך קענען זוכה זיין צו שפירן וואס דאס מיינט אז: "קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד הוּא":

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ: מיר זאגן אלע פרייטיג צו נאכט'ס ביי דעם הייליגן פיוט פון: "צָמְאָה נַפְשִׁי" וכו' א מורא'דיגע לשון, און דאס איז דאך, אז: "רְאֵה לִגְבֶרֶת אֱמֶת שִׁפְחָה נוֹאֶמֶת לֹא כִּי בְּנֵךְ הַמֵּת וּבְנִי הֶחָי", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער אזוי, אז מיר יודן זאגן דא אלע פארן הייליגן באשעפער, אז: "רְאֵה" – אז געב נאר א אמת'ע בליק: "לִגְבֶרֶת אֱמֶת" – אויף כלל ישראל, און געב נאר א אמת'ע בליק הייליגער טאטע אין הימל וואס עס דא גייט פָאר אויף דער וועלט, ווייל דעמאלט'ס וועסטו דאך שוין זעהן, אז: "שִׁפְחָה נוֹאֶמֶת" – אז די דינסט שרייט, און וואס שרייט זי..?! זי שרייט אז: "לֹא כִּי בְּנֵךְ הַמֵּת" – זי שרייט אז ביי ענק יודישע קינדער ליגט דאך די "טויט", און ביי ענק יודישע קינדער איז דאך שטענדיג נאר "טונקל", אבער משא"כ: "וּבְנִי הֶחָי" – אבער משא"כ ביי אונז גוים איז דאך נישט אזוי, ווייל מיר האקן דאך אלע א לעבן אויף דער וועלט, און מיר טוען דאך אלע וואס דאס הארץ גלוסט נאר צו טוהן, און: "וּבְנִי הֶחָי" – און ביי אונז "לעבט" מען דאך אויף דער וועלט.

ווייל מיר גוים קענען דאך האבן אלע "תאות עולם הזה" וואס עס איז נאר שייך אויף דער וועלט, און ענק יודן לעבן דאך נעבעך אזוי מצמצום, און ענק קענען דאך נעבעך נישט האבן די אלע תענוגי עולם הזה וואס מיר גוים פארמאגן, נאר ענק לעבן זיך אזוי בצומצום, און עס איז דאך פשוט "חושך" ביי ענק יודן, נו.. [זאגט אונז די שפחה], דאס הייסט דען "געלעבט"..?!

און מיר יודן ענטפער'ן דא פארן שפחה א תירוץ מיט די ווערטער: "אֶקּוֹד עַל אַפִּי וְאֶפְרוֹשׂ לְךָ כַּפִּי עֵת כִּי אֶפְתַּח פִּי בְּנִשְׁמַת כָּל חָי", און מיר זאגן דא אלע פארן שפחה, אז: "אֶקּוֹד עַל אַפִּי וְאֶפְרוֹשׂ לְךָ כַּפִּי" – אז ווען איך וועל מארגן אינדערפרי אריין גיין אין בית המדרש כדי צו דאווענען פארן הייליגן באשעפער, און: "עֵת כִּי אֶפְתַּח פִּי בְּנִשְׁמַת כָּל חָי" – און ווען איך וועל מארגן אינדערפרי עפענען מיין קליינעם מויל כדי צו קענען זאגן א ווארימ'ע לעבעדיגע: "נִשְׁמַת כָּל חָי" פארן הייליגן: "אֵ-ל חָי", דעמאלט'ס וועלן מיר שוין זעהן ביי וועמען עס ליגט דעם: "מֵת" און ביי וועמען עס ליגט דעם: "חָי"..!

ווייל ענק גוים פארמאגן דאך נישט קיין ווארימ'ע דאווענען און קיין ווארימ'ע לעבעדיגע פלאם פייערדיג'ע: "נִשְׁמַת"..?! נאר ענק לעבן דאך נעבעך א אויס גע'דמיונ'טע עולם הזה'דיגע לעבן, און ענק לעבן דאך נעבעך אין אזא פאר פרוירענעם: אֲשֶׁר "קָרְךָ", און ממילא ווי אזוי קענסטו מיר בכלל זאגן וואו עס ליגט די "לעבן" און וואו עס ליגט די "טויט"..?! דו ליגס'ט דאך אין אזא אויס גע'דמיונ'טע פאר פרוירענעם עולם הזה וואס איז דאך איין גרויסע "גארנישט" מיט "נישט"..?!

אבער מיר יודן..?! מיר יודן פארמאגן דאך אלע ווארימ'ע הייליגע ליכטיגע תפילות וואס ווארימ'ט דאך אָן אלע ביינער פון א יעדעם איינעם פון גרויס ביז קליין, און מיר יודן פארמאגן דאך אלע ווארימ'ע הייליגע ליכטיגע "שבתים" און "ימים טובים" וואו מיר ברענען אלע צום הייליגן באשעפער מיט א אמת'ע: "דְּבֵקוּת בַּיהו-ה".

און דער זעלבע געדאנק ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין דער הייליגער תורה הק' ביי יעקב אבינו בשעת ווען ער איז אנטלאפן פון לבן הארמי, ווייל ווען לבן הארמי האט ענדליך געכאפט יעקב אבינו ביי דעם הר הגלעד, האט דעמאלט'ס לבן הארמי געפרעגט יעקב אבינו א מורא'דיגע קשיא, און די קשיא דעמאלט'ס איז געווען, אז: "לָמָּה גָנַבְתָּ אֶת אֱלֹהָי" – אז פארוואס האסטו צו גע'גאנבע'ט מיין "גאט"..?! זאגן אונז די ספרים הק', אז ווען יעקב אבינו האט געהערט אזעלכע נאריש'ע ווערטער פון דעם רשע לבן הרשע, האט זיך דעמאלט'ס יעקב אבינו פשוט נישט געקענט איין האלטן פון לאכן, און ער האט דעמאלט'ס שיעור נישט אויס געפלאצט אין א הילכיגע געלעכטער, און יעקב אבינו האט דעמאלט'ס געטראכט צו זיך, אז.. געב נאר א קוק אויף דעם נאריש'ן רשע לבן הרשע, ער האט א "גאט" וואס מען קען איהם "גאנבע'נען", דו הערס'ט..?! ער האט א "גאט" וואס מען קען איהם "גאנבע'נען", עס איז דאך נישט שייך קיין גרעסער'ע "וויץ" ווי דעם.

און בשעת ווען יעקב אבינו האט זיך אזוי איין געהאלטן פון לאכן, האט ער זיך דעמאלט'ס אָן גערופן צו דעם רשע לבן הרשע, און ער האט איהם דעמאלט'ס געזאגט אזוי, אז וואס איז שוין געשעהן צו דיר לבן הרשע..?! דו האסט פארלוירן דיין גאט..?! נו: "עִם אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶת אֱלֹהֶיךָ" – נו לאמיר שוין זאגן אז דו וועסט שוין "יא" טרעפן דיין גאט, איז עס דאך אבער: "לֹא יִחְיֶה" – איז עס דאך אבער א גע'פייגערט'ער גאט, ווייל דיין גאט קען דאך דיר סיי ווי סיי נישט העלפן, ווייל געב נאר א קוק ווי אזוי דו האסט זיך געמוטשעש'ט מיט כל מיני פראבלעמען בשעת ווען דו האסט נאך יא געהאט דיין גאט, און יעצט.. ווען דיין גאט פארלירט זיך, ווערסטו דאך דעמאלט'ס גלייך אויס מענטש.

נו.. [האט יעקב געזאגט פאר לבן הרשע], פרעג איך דיר, דאס הייסט דען א גאט..?! געב נאר א קוק: "הַכֶּר לְךָ מָה עִמָּדִי" – געב נאר א קוק וואס איך האב..! מיר האבן דאך אלע א הייליגע ליכטיגע שבת קודש, און מיר האבן דאך אלע א הייליגע ליכטיגע תורה הק', און מיר פארמאגן דאך אלע הייליגע ליכטיגע תפילות צום איין אייניציג'ן באשעפער וואס איז דאך: "חַי לָעַד וְקַיָּם לָנֶצַח", און מיר פארמאגן דאך אלע א הייליגע ליכטיגע מדה וואס הייסט: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", און "דאס" הייסט "געלעבט"..!

אבער משא"כ "דיין" לעבן איז דאך א פוסט'ע לעבן, ווייל דיין לעבן [צוזאמען מיט אלע דיינע הנאות] איז דאך: "כְּצֵל עוֹבֵר" – עס גייט דאך אריבער אזוי ווי א שאטן פון א מענטש, און דאס איז עס, און דיינע אלע: "תענוגי עולם הזה" זענען דאך בעצם בכלל נישט קיין אמת'ע תענוגים, ווייל דיינע אלע תענוגים זענען דאך נישט מער ווי נידריגע: "הבלי עולם הזה", און עס איז דאך בעצם בכלל נישט קיין אמת'ן טעם, נאר עס איז איין גרויסע שטיק: "שֶׁקֶר", און די אמת'ע: "נֶהֱנִים" איז דאך נאר די וואס זענען: "נֶהֱנֶה מִזִּיו הַשְּׁכִינָה".

און ממילא וועגן דעם האט דא יעקב אבינו געזאגט פאר לבן הרשע, אז: "וְקַח לָךְ" – אז נעם מיינע גוטע זאכן וואס מיר יודן פארמאגן, און נעם אָן אונזער הייליגער זיס'ער תורה הק', ווייל ביי ענק גוים איז דאך די גאנצע לעבן ליידיג און פוסט, אבער משא"כ ביי אונז יודן איז דאך פארהאן א ליכטיגע: "תּוֹרַת חַיִּים" צוזאמען מיט א ליכטיגע מדה פון: "וְאַהֲבַת חֶסֶד וּצְדָקָה" – צוזאמען מיט א ליכטיגע מדה פון ליב האבן צו טוהן: "חֶסֶד" און: "צְדָקָה" מיט אנדערע מענטשן, און ביי אונז יודן איז דאך פארהאן א ליכטיגע: "אוֹר תּוֹרָה" וואס לייכט אויף א יעדע יודיש הארץ.

און מיר יודן פארמאגן דאך אלע א הייליגע ליכטיגע: "תַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי" וואס איז דאך א: "אוֹר מוּפְלָא רוּם מַעְלָה" וואס האט דאך אונז שוין מגלה געווען אזעלכע הייליגע ליכטיגע "סתרי תורה" וואס זענען דאך: "כְּאוֹר הַחַמָּה מַזְהִיר", און ווי נאר: "פָּתַח אֶת פִּיו בְּחָכְמָה" – און ווי נאר: "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי" האט נאר גע'עפענט זיין הייליג מויל כדי מגלה צו זיין "סתרי תורה", איז דאך דעמאלט'ס גלייך: "הוֹצִיא אוֹר תַּעֲלוּמָה" – האט ער דאך דעמאלט'ס גלייך אנטפלעקט א באהאלטענ'ע ליכטיג'קייט וואס עס איז געווען באהאלטן ביז דעמאלט'ס, און ווען דער הייליגער: "תַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי" איז

נסתלק געווארן פון דער וועלט, האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך אויף געהויבן זיין הייליגע "ארון הקודש" אין די לופט'ן, און עס איז דאך דעמאלט'ס גלייך געווארן ארום גענומען מיט א ליכטיגע "פלאם פייער".

און מיר יודן פארמאגן דאך אלע אויך א הייליגע ליכטיגע: "אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים" – און מיר יודן פארמאגן דאך אלע אויך א הייליגע ליכטיגע בעל שם טוב הק' וואס האט דאך אונז שוין אויף געלויכט'ן אונזער הייליגער "שבת קודש", און אזוי אויך אונזער גאנצע "מהלך החיים", און מיר יודן פארמאגן דאך אלע אויך א הייליגע ליכטיגע תפילה פון: "אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא" א יעדע יאר ווען עס קומט אָן "שבת שקלים", און: "וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם" – און ביי אלע יודישע קינדער איז דאך שטענדיג ליכטיג אין זייערע אלע שטובער, און דו לבן.. ביזט דאך א ריזיגע "בעל גאוה", אבער משא"כ ביי אונז יודן איז דאך פונקט פארקערט, ווייל ביי אונז יודן איז דאך דא דעם געדאנק פון: "כָּתִית לַמָּאוֹר", וואס דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז אויב דו ביזט אביסעל'ע צו שטויסן ביי זיך, און דו האלטס'ט זיך נישט אזוי גרויס, לייכסטו דאך דעמאלט'ס אסאך אסאך מער אויבן אין הימל.

און ביי אונז יודן איז דאך דא דעם: "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק" – און ביי אונז יודן איז דאך איין געפלאצן א אמת'ע ליכטיג'קייט ביי דעם: "צַדִּיק", און מיר האבן דאך אלע אויך א הייליגע ליכטיגע "אור החיים הקדוש" וואס לייכט דאך אונז אויף דער הייליגער תורה הק', און יא לבן, ביי אונז איז אלעס ליכטיג, און ווי אזוי זאגן מיר אלע ביי "עטיפת הטלית גדול"..?! אז: "הֲרֵינִי מִתְעַטֵּף גּוּפִי בַּצִּיצִית" – אז איך גיי זיך יעצט איין וויקלען מיין גוף אין מיין הייליגע ציצית, און: כֵּן תִּתְעַטֵּף נִשְׁמָתִי וּרְמַ"ח אֵיבָרַי וּשְׁסָ"ה גִידַי "בְּאוֹר הַצִּיצִית" – און אזוי אויך זאלן זיך יעצט איין וויקלען מיינע אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים מיט די "ליכטיג'קייט" פון די הייליגע ציצית, ווייל יא לבן, ביי אונז יודן זענען דאך אלע: "מִצְוַת הַתּוֹרָה" הק' "ליכטיג", און ביי אונז יודן זענען דאך אלע: "מִצְוַת הַתּוֹרָה" הק' "ליכטיג" און "פריש" פון דעם גרויסן: "יוֹצֵר אוֹר", און: "בְּאוֹרְךָ" – און אין דעם אור: "נִרְאֶה אוֹר" – וועלן מיר בעזרת השם יתברך זוכה זיין צו זעהן פריש'ע "אורות".

און אונזערע "אורות" וואס מיר יודן פארמאגן זענען דאך נישט סתם "אורות", ניין ניין ניין, נאר אונזערע אורות שיינען דאך שטענדיג: "כְּאוֹר הַחַמָּה וּכְאוֹר הַבֹּקֶר", און בכלל.. דארפסטו דאך וויסן לבן טייערע, אז מיר יודן פארמאגן דאך אלע די מעלה אז מיר האלטן זיך דאך אלע שטענדיג: "כֻּלָּנוּ כְּאֶחָד יַחַד" – מיר יודן פארמאגן דאך אלע די מעלה אז מיר האלטן זיך דאך אלע שטענדיג "צוזאמען" און: "בְּאַחֲדוּת", און מיר העלפן זיך דאך אלע שטענדיג ארויס איינער דעם צווייטן: "בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת", און דורך דעם קענען מיר טאקע אלע זוכה זיין נהנה צו זיין: "בְּאוֹר פָּנֶיךָ" – און דורך דעם קענען מיר טאקע אלע זוכה זיין נהנה צו זיין פון די הייליגע ליכטיג'קייט פון דעם הייליגן באשעפער.

און בקיצור.. ביי אונז יודן איז דאך שטענדיג: "מְנוּחָה וְשִׂמְחָה אוֹר לַיְּהוּדִים" – ביי אונז יודן איז דאך שטענדיג ליכטיג און וואויל..! און: "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה" – און ביי אונז יודן איז דאך שטענדיג "געווען" ליכטיג און וואויל, און עס איז דאך אונז "יעצט" אויך ליכטיג און וואויל, און עס וועט דאך אונז אויך "שטענדיג" זיין ליכטיג און וואויל בעזרת השם יתברך.

און ממילא איך זאג דיר לבן, אז: "לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר יהו-ה" – אז גיי אויך אביסעל'ע אין דעם וועג וואס ברענגט צו צום אמת'ן ליכטיג'קייט, און יא לבן: "נְסָה עָלֵינוּ אוֹר פָּנֶיךָ יהו-ה" – פראביר אויך אביסעל'ע צו באקומען אביסעל'ע אמת'ע ליכטיג'קייט פון די ליכטיג'קייט פון דעם הייליגן באשעפער, אבער על כל פנים.. דאס איז געווען די טענה וואס יעקב אבינו האט דא געזאגט פאר לבן הרשע, אז וואס..?! אז עס איז דאך אין אמת'ן פונקט פארקערט ווי דו מיינס'ט, ווייל ביי אונז יודן איז דאך דא די אמת'ע "לעבן", און ביי אונז יודן איז דאך דא די אמת'ע "חיות", און ביי ענק נישט.

און מיט דעם קומען מיר דא צוריק צו דאס וואס מיר האבן פריער אָן געהויבן, ווייל עס קען זיך דאך אמאל מאכן אז א יודיש קינד זאל ליידער אמאל טראכטן צו זיך, אז איך האב מורא אז די שפחה איז טאקע גערעכט, ווייל למעשה שפיר איך דאך טאקע נישט קיין שום טעם אין קיין לערנען, און איך שפיר דאך אויך נישט קיין שום טעם אין קיין דאווענען, און ממילא וועגן דעם האב איך דאך גאר שטארק מורא אז די שפחה איז גערעכט מיט דאס וואס זי שרייט אז: "לֹא כִּי בְנֵךְ הַמֵּת" – און ממילא וועגן דעם האב איך דאך גאר שטארק מורא אז די שפחה איז גערעכט מיט דאס וואס זי שרייט אז ביי ענק יודן ליגט ח"ו די "טויט", און: "וּבְנִי הֶחָי" – און ביי אונז גוים איז דא די ריכטיגע "לעבן".

וועגן דעם ענטפערט דא די פסוק אין די וואכעדיגע פרשה פאר אזא איינער די ווערטער פון: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים", ווייל די ווערטער: "וְאֵלֶּ**ה** שְׁמוֹ**ת** בְּנֵ**י** יִשְׂרָאֵ**ל** הַבָּאִי**ם**" – איז דאך טאקע אויך סופי תיבות: "לִי הַמֵּת" – ביי מיר ליגט די "טויט", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז די פסוק וויל דאך אונז דא מרמז זיין, אז עס קען זיך דאך אמאל מאכן אז א יודיש קינד זאל ליידער טראכטן ביי זיך, אז איך האב מורא אז די שפחה איז טאקע גערעכט מיט דאס וואס זי טענה'עט דא, און איך האב מורא אז: "לִי הַמֵּת" – און איך האב מורא אז ביי מיר ליגט טאקע די "טויט", ווייל קוק מיר אָן, איך שפיר דאך נישט קיין שום טעם אין קיין דאווענען, און איך שפיר דאך נישט קיין שום טעם אין קיין לערנען, און ממילא פארוואס זאל איך נישט זאגן אז די שפחה איז גערעכט מיט איר טענה וואס זי זאגט מיר דא אז: "בְנֵךְ הַמֵּת" – און ממילא פארוואס זאל איך נישט זאגן אז די שפחה איז גערעכט מיט איר טענה וואס זי זאגט מיר דא אז ביי אונז יודן ליגט די "טויט"..?!

זאגט אבער די פסוק דא פאר אזא מענטש, אז דו זאלסט וויסן ר' יוד אז עס נישט אזוי, ווייל דאס וואס דו זאגס'ט מיר דא אז דו הייבס'ט שוין אָן צו טראכטן אז ביי די יודישע קינדער ליגט די "טויט" קומט דאך נאר פון: "מִצְרָיְמָה" – דאס וואס דו זאגס'ט מיר דא אז דו הייבס'ט שוין אָן צו טראכטן אז ביי די יודישע קינדער ליגט די "טויט" קומט דאך נאר פון דעם וואס דו ביזט נישט גענוג אפ געהיטן: "בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה", ווייל די ווארט: "מִצְרָיְמָה" גייט דאך ארויף אויף "טומאת מצרים" כידוע, ווייל די מצריים זענען דאך געווען: "שְׁטוּפֵי זִמָּה" – די מצריים זענען דאך געווען טמא'נע מענטשן, אזוי ווי עס ווערט שוין טאקע קלאר געברענגט אין חז"ל, אז די לאנד: "מִצְרַיִם" סימבאלאזירט איין זאך, און דאס איז דאך: "שְׁטוּפֵי זִמָּה" – טמא'נע מענטשן, און ממילא דאס זאגט דא דער הייליגער תורה הק' פאר אזא מענטש וואס רופט זיך אָן אז ער שפירט נישט קיין שום טעם אין קיין לערנען און אין קיין דאווענען, אז ער זאל ער וויסן אז עס זייער מעגליך אז דאס קומט פון דעם ווייל ער איז נישט גענוג אפ געהיטן ווי עס דארף צו זיין: "בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה".

אבער וואס הייסט אז א מענטש איז נישט גענוג אפ געהיטן ווי עס דארף צו זיין: "בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה"..?! איז די פסוק ווייטער מסביר דא, און די פסוק זאגט אונז דא ווייטער אזוי, אז מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז א יעדע יודיש קינד פארמאגט דאך אין זיך א "חלק הטוב" וואס ציט איהם צו טוען גוטע זאכן, אבער פון די אנדערע זייט פארמאגט דאך א יעדע יודיש קינד אויך א "חלק הרע" וואס ציט איהם צו טוהן שלעכטע זאכן, און די עבודה פון א יודיש קינד איז דאך, אויס צו רייסן דעם "חלק הרע" פון זיך ווי שנעלער, און דאס פשוט מכניע זיין אונטער זיין "חלק הטוב", און מאכן אז עס זאל זיין: "מֹחַ" שַׁלִּיט עַל "הַלֵּב", און נישט חס ושלום: "לֵב" שַׁלִּיט עַל "הַמֹּחַ".

ווייל אסאך מאל קען זיך דאך מתגבר זיין דעם "חלק הרע" אויף דעם "חלק הטוב", און וואס פאסירט נאך דעם איז, אז ער הערט דעמאלט'ס אויף צו שפירן א טעם אין עבודת השם יתברך מחמת דעם "חלק הרע" וואס האט זיך מתגבר געווען אויף זיין "חלק הטוב", ווייל זיין "חלק הרע" האט דאך איהם דעמאלט'ס אינגאנצן איבער גענומען, און ממילא דאס איז אונזער עבודה אויף דער וועלט, אכטונג צו געבן אז אונזער "חלק הרע" זאל נישט איבער נעמען דעם רעדל דא ביי אונז, נאר פארקערט, מיר דארפן אלע פראבירן מכניע צו זיין דעם "חלק הרע" אונטער דעם "חלק הטוב".

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס..?! פארוואס זאגסטו מיר אזעלכע זאכן..?! ווער זאגט אז עס איז טאקע אזוי..?! ענטפערט אונז אויף דעם דער הייליגער תורה הק' דא, און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין דא קלאר, אז וויסן זאלסטו ר' יוד אז: "מִצְרָיְמָה אֶת יַעֲקֹב" – וויסן זאלסטו ר' יוד אז די "חלק הרע" קומט צוזאמען מיט: "יַעֲקֹב" – די "חלק הרע" קומט צוזאמען מיט דעם "חלק הטוב" וואס געפונט זיך אין דעם מענטש, [און פארשטייט זיך אז מען רעדט דאך דא נאר פון נאך די "בר מצוה" און ווייטער], און וויסן זאלסטו ר' יוד, אז די "חלק הרע" מיט דעם "חלק הטוב" קומען דאך ממש צוזאמען: "שָׁוֶה בְּשָׁוֶה" אין דעם מענטש, און זיי קומען דאך ביידע צוזאמען אין דעם מענטש [פון נאך די "בר מצוה" און ווייטער] פונקט אזוי ווי א: "אִישׁ וּבֵיתוֹ" וואס א יעדער איינער פארשטייט דאך שוין זייער גוט פון זיך אליין אז: "אִישׁ וּבֵיתוֹ" קומען דאך צוזאמען, און יא ר' יוד, די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט דעם "חלק הרע" מיטן "חלק הטוב", ווייל די "חלק הרע" מיטן "חלק הטוב" קומען דאך אויך צוזאמען.

און טאקע וויבאלד זיי געפונען זיך ביידע צוזאמען אין דעם מענטש: "שָׁוֶה בְּשָׁוֶה" אויף איין מאל, ממילא וועגן דעם קען אמאל פאסירן אז די "חלק הרע" זאל זיך שטארקן אויף דעם "חלק הטוב", און אויב די "חלק הרע" נעמט אינגאנצן איבער דעם רעדל ביי דעם מענטש.. דעמאלט'ס קען דאך שוין ח"ו פאסירן אז דער מענטש זאל אויף הערן צו שפירן א טעם אין עבודת השם יתברך, ווייל די "חלק הרע" איז דאך דאס גורם, און די "חלק הרע" איז דאך דער וואס האלט איהם צוריק פון צו שפירן א טעם אין "עבודת השם יתברך", ווייל ער טענה'עט דאך דעמאלט'ס, אז איך פיר דאך דא די גאנצע מענטש, און ממילא וועגן דעם וועל איך זיין דער וואס וועט מחליט זיין אין וועלכע זאך אריין צו געבן א טעם פארן מענטש און אין וועלכע זאך נישט.

אבער וואס קען טאקע א מענטש יא טוהן אויב ער זעהט אז ער איז צו געקומען צו א מצב פון: "התגברות הרע על הטוב"..?! וואס זאל דער מענטש דעמאלט'ס טוהן..?! ענטפערט איהם וועגן דער הייליגער תורה הק' דא א מורא'דיגע תירוץ, און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך איהם שוין דא די ווערטער פון: "מִצְרָיְמָה אֶת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ", און די ווערטער: "מִצְרָיְמָה אֶת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ" – איז דאך טאקע אויך סופי תיבות: "תְּשׁוּבָה", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז אויב זעהסטו אמאל אז עס צו שטערט געווארן ביי דיר דעם ענין פון: "מִצְרָיְמָה אֶת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ" – אויב זעהסטו אמאל אז עס צו שטערט געווארן ביי דיר דעם געדאנק אז די "חלק הרע" מיטן "חלק הטוב" זאלן לכל הפחות לעבן: "שָׁוֶה בְּשָׁוֶה", און די "חלק הרע" האט זיך נישט מער און נישט ווייניגער "מתגבר" געווען אויף דעם "חלק הטוב", זאלסטו דעמאלט'ס גלייך: "תְּשׁוּבָה" טוהן: "בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה" פארן הייליגן באשעפער, און דו זאלסט זיך דעמאלט'ס גלייך פָּאר נעמען בקבלה גמורה אז פון היינט און ווייטער וועסטו שוין מער נישט צו לאזן אז דיין "חלק הרע" זאל זיצן אויבן אָן און איבער נעמען דעם רעדל ביי דיר אין הארץ און פירן דיין גאנצע לעבן.

נאר דיין "חלק הטוב" וועט זיצן ביי דעם גרויסן שיסל..! און דיין "חלק הטוב" וועט פירן דעם גאנצן "מסע הקודש" ביי דיר אין הארץ, און יא ר' יוד, פון היינט און ווייטער.. וועסטו שוין אכטונג געבן נישט נאך געשלעפט צו ווערן נאך דיין "חלק הרע".

און אפילו אויב דו וועסט ח"ו יא האבן אמאל א דורך פאל, וועסטו אבער דעמאלט'ס גלייך: "תְּשׁוּבָה" טוהן: "בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה" פארן הייליגן באשעפער, און דו וועסט זיך דאך דעמאלט'ס גלייך נאך אמאל פָּאר נעמען בקבלה גמורה אז פון היינט און ווייטער וועסטו דאך שוין מער נישט צו לאזן אז דיין "חלק הרע" זאל זיצן אויבן אָן און איבער נעמען דעם רעדל ביי דיר אין הארץ און פירן דיין גאנצע לעבן, און דו וועסט דאך שוין דעמאלט'ס גלייך נאך אמאל מכניע זיין דיין "חלק הרע" אונטער דיין "חלק הטוב", און דו וועסט זיך דאך שוין דעמאלט'ס מער נישט לאזן פירן פון דיין "חלק הרע" וואס עס איז נאך פאר בליבן ביי דיר, און אוודאי און אוודאי וועסטו דאך איהם שוין מער נישט ארויף זעצן אויבן אָן מיט דיינע אייגענ'ע הענט און איהם איבער געבן די גאנצע הנהגה ביי דיר, נאר פארקערט, דו וועסט איהם האלטן און

איין "מכניע" זיין פארן הייליגן באשעפער, און דו וועסט מקיים זיין בפועל ממש די ווערטער וואס מיר זאגן אלע א יעדן טאג ביי די: "לְשֵׁם יִחוּד" איידער מיר לייגן תפילין, אז: "שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ".

אבער וואס איז טאקע די עצה..?! און וואס קען טאקע א מענטש טוהן כדי צו קענען זוכה צו זיין: "תְּשׁוּבָה" צו טוהן: "בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה" פארן הייליגן באשעפער..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך דאס שוין אליין מבאר גלייך אין די אנהייב פון די וואכעדיגע פרשה, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין גלייך אין די אנהייב פון די וואכעדיגע פרשה די ווערטער: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה", און די ווערטער: "**וְ**אֵלֶּה **שְׁ**מוֹת **בְּ**נֵי **יִ**שְׂרָאֵל **הַ**בָּאִים **מִ**צְרָיְמָה" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "מַה יָּשׁוּב" – אז וואס זאל א מענטש טוהן כדי: "תְּשׁוּבָה" צו טוהן: "בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה" פארן הייליגן באשעפער..?!

און מיר דארפן דאך דאס אביסל בעסער אויס שמועס'ן דא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז ווען עס קומט אָן די טעג פון שובבי"ם, נעמט זיך דאך דעמאלט'ס א יעדער איינער גלייך: "תְּשׁוּבָה" טוהן אויף א אנדערע זאך, ווייל איינער טוט דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דעם ענין פון: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", און איינער טוט דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דעם ענין פון "מידות טובות", און איינער טוט דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דעם ענין פון: "אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל", און איינער טוט דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דעם ענין פון: "קְדֻשַּׁת הַדִּבּוּר", און איינער טוט דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף אנדערע ענינים, און א יעדער איינער נעמט זיך דאך דעמאלט'ס גלייך פָּאר א אנדערע גוטע קבלה אין "עבודת השם יתברך" לכבוד די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים".

און ממילא וואס זאל זיין די: "תְּשׁוּבָה" פון א מענטש וואס שפירט נישט קיין שום טעם אין עבודת השם יתברך און ער איז נעבעך אינגאנצן אויס געלאשן פון אינעווייניג..?! וואס זאל אזא איינער טוהן כדי: "תְּשׁוּבָה" צו טוהן פארן הייליגן באשעפער אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון "שובבי"ם"..?! וועגן דעם זאגט דאך אונז שוין דא די פסוק אין די וואכעדיגע פרשה די ווערטער פון: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (הַבָּאִים) מִצְרָיְמָה", ווייל די ווערטער: "**וְ**אֵלֶּה **שְׁ**מוֹת **בְּ**נֵי **יִ**שְׂרָאֵל (הַבָּאִים) **מִ**צְרָיְמָה" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "וְשָׁבִים" [חוץ פון די ווארט: "הַבָּאִים"], און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער הייליגער תורה הק' פרעגט דאך דיר דא אזוי, אז אויף וועלכע זאכן טוט מען: "תְּשׁוּבָה" אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון שובבי"ם..?!

ענטפערט אונז אויף דעם דער הייליגער תורה הק', און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין דא קלאר, אז ווייסן זאלסטו ר' יוד, אז: "וְשָׁבִים" – אז אין די טעג פון שובבי"ם טוט מען דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דעם: "הַבָּאִים" – אין די טעג פון שובבי"ם טוט מען דאך: "תְּשׁוּבָה" אויף דאס וואס עס קומט אריין אין די: "גוּף" פון א מענטש, און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דו דארפס'ט דאך זעהן אכטונג צו געבן אז דיינע טויער'ן פון דיין: "גוּף" זאלן זיין אפ געהיטן און הייליג פארן הייליגן באשעפער, און דו דארפס'ט דאך זעהן אכטונג צו געבן אז די טויער'ן פון דיין: "גוּף" זאלן ח"ו נישט אריין נעמען אין זיך קיין שלעכטע זאכן, ווייל יא ר' יוד, אין דיין: "תְּשׁוּבָה" דארף דאך טאקע ליגן א אמת'ע ריכטיגע קבלה אויף: "להבא" זיכער צו מאכן אז די: "הַבָּאִים" איז ווי עס דארף צו זיין, און אז "דאס עס וואס קומט אריין" אין מיין: "גוּף" איז דאך טאקע באמת הייליג און ריין און אויס געהאלטן.

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין דא אויך, אז: "וְאֵלֶּ**ה** שְׁמוֹ**ת** בְּנֵ**י** יִשְׂרָאֵ**ל** הַבָּאִי**ם**" – אז אזא איינער וואס שפירט נעבעך ביי זיך אז: "לִי הַמֵּת" – אז ביי איהם איז נעבעך דא די טויט, אזא איינער: "וְשָׁבִים" – אזא איינער דארף: "תְּשׁוּבָה" טוהן אין די טעג פון שובבי"ם אויף דעם: "הַבָּאִים" – אזא איינער דארף: "תְּשׁוּבָה" טוהן אין די טעג פון שובבי"ם אויף דאס וואס עס קומט אריין אין זיין: "גוּף", און אזא איינער דארף דאך זיכער מאכן אז זיינע אלע טויער'ן פון זיין: "גוּף" זענען טאקע הייליג און ריין פארן הייליגן באשעפער, ווי למשל.. אז מיין מויל איז הייליג, ווייל איך רעד דאך נאר וואס עס

איז אויס געהאלטן צו רעדן, און איך עס דאך אויך נאר וואס עס איז אויס געהאלטן צו עסן, און מיינע אויער'ן זענען דאך אויך הייליג און ריין, ווייל איך הער דאך נישט ח"ו קיין לשון הרע און רכילות און ניבול פה וכדומה, און מיין מחשבה איז דאך אויך הייליג, ווייל איך טראכט דאך שטענדיג נאר וואס מען מעג טראכטן.

און ניין ר' יוד, א יודיש קינד איז דאך נישט הפקר'דיגע זאך, ניין ניין ניין, עס איז נישט דא אזא זאך אז א יודיש קינד לעבט אָן קיין: "עֹל", ווייל אויב ווארפסטו אראפ פון דיר דיין: "עֹל", האסטו דאך דעמאלט'ס אראפ געווארן פון דיר דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם", און פרעג איך דיר, קען מען דען זיין א יודיש קינד אויב מען האט אראפ געווארן פון זיך דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם"..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז אוודאי "נישט", ווייל מען קען דאך נישט זיין קיין יודיש קינד אויב האט מען אראפ געווארפן פון זיך דעם: "עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם".

און די אמת איז דאך, אז א יודיש קינד דארף דאך "שטענדיג" אכטונג געבן אויף דעם: "הַבָּאִים" – א יודיש קינד דארף דאך "שטענדיג" אכטונג געבן אויף דאס וואס עס קומט אריין אין זיין: "גוּף", נאר דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך דא נאר סך הכל פאר אזא איינער וואס שפירט נעבעך ביי זיך אז: "לִי הַמֵּת" – אז ביי איהם איז נעבעך דא די טויט, אז אזא איינער: "וְשָׁבִים" – אז אזא איינער "מוז" דאך: "תְּשׁוּבָה" טוהן אין די טעג פון שובבי"ם אויף דעם: "הַבָּאִים" – אויף דאס וואס עס קומט אריין אין זיין: "גוּף", אבער אין אמת'ן.. דארף דאך א יעדע יודיש קינד שטענדיג אכטוג געבן אויף דעם: "הַבָּאִים" – אויף דאס וואס עס קומט אריין אין זיין: "גוּף", ווייל א יעדע יודיש קינד איז דאך א: "בית המקדש מעט".

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין פרשת מצורע (קפיטל ט"ו פסוק ל"א), אז דער אייבערשטער האט דאך שוין קלאר געזאגט פאר משה רבינו און אהרן הכהן, אז: "וְהִזַּרְתֶּם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִטֻּמְאָתָם" – אז עטץ זאלט'ס בא'ווארענען די יודישע קינדער צו שטיין וויט פון "טומאה", און עטץ זאלט'ס אפ שיידן די יודישע קינדער פון "טומאה", און: "וְלֹא יָמֻתוּ בְּטֻמְאָתָם" – און די יודישע קינדער זאל ח"ו נישט געשטראפט ווערן וועגן דעם, איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז וואס איז שוין אזוי געפערליך אויב א יודיש קינד וועט טמא ווערן..?!

ענטפערט אונז אויף דעם דער הייליגער תורה הק', און דער אייבערשטער זאגט דאך אונז שוין דא גלייך, אז דו ווייסט פארוואס עס איז אזוי הארב אז א יודיש קינד זאל טמא ווערן..?! ווייל: "בְּטַמְּאָם אֶת מִשְׁכָּנִי אֲשֶׁר בְּתוֹכָם" – ווייל אויב דו ווערס'ט טמא, ביזטו דאך דעמאלט'ס אויך מטמא פון די צווייטע זייט: "מִשְׁכָּנִי אֲשֶׁר בְּתוֹכָם" – אויב דו ווערס'ט טמא ביזטו דאך דעמאלט'ס אויך מטמא פון די צווייטע זייט מיין הייליגע "שכינה הקדושה" וואס רועט דאך שטענדיג: "בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל", און ממילא וועגן דעם מוזטו זיך דאך זייער אפ היטן פון "טומאה", ווייל דו ביזט דאך א הייליגע: "בית המקדש מעט".

און דו ביזט נישט סתם א: "בית המקדש מעט", נאר דו ביזט א: "בית המקדש מעט" וואס די הייליגע "שכינה" הקדושה רועט דאך טאקע דארט "במציאות", און ממילא וועגן דעם: "וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם" – און ממילא וועגן דעם מוזטו זיך דאך אויף פירן: "בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה" און שטיין וויט פון "טומאה", ווייל דער הייליגער באשעפער אליין רועט דאך אין "דיר", און ניין ר' יוד, עס שטייט נישט איין ביי דיר עפעס א קליינע רבי'לע פון עפעס א קליינע קהילה'לע אין עפעס א שטעטעל'ע, ניין ניין ניין, נאר דער הייליגער: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" שטייט דאך איין ביי דיר אין דיין אכסניא.

און אויב מיר וואלטן טאקע אלע באמת פארשטאנען וואס פאר א גרויסע "קדושה" רועט אין אונז, וואלטן מיר דאך שוין דעמאלט'ס אלע זיכער אויס געזעהן אינגאנצן אנדערש, און אונזער גאנצע לעבן וואלט דאך שוין דעמאלט'ס זיכער אויס געזעהן אינגאנצן אנדערש, און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק', אז איינער פון די עיקר זאכן וואס א מענטש דארף: "תְּשׁוּבָה" טוהן אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם [פון דעם חלק: "הַבָּאִים"] איז, אויף די "מחשבה" פון דעם מענטש, און דאס מיינט דאך צו זאגן

אין אנדערע ווערטער, אז א מענטש דארף זיך דאך מקבל זיין אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם מער מתפלל צו זיין פארן הייליגן באשעפער אז: "וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת" – אז א מענטש דארף זיך דאך מקבל זיין אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם מער מתפלל צו זיין פארן הייליגן באשעפער אז מען זאל זוכה זיין צו א ריינע "הארץ" און צו א ריינע "מח", ווייל אויף דעם דארף מען דאך שוין האבן גאר גאר אסאך "סייעתא דשמיא", אזוי ווי עס איז דאך שוין טאקע קלאר מבואר אין די ספרים הק' באריכות ביי די ענין פון: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים".

און עס קען דאך טאקע זיין, אז דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער וואס די גמרא ברענגט דאך אונז שוין אראפ אז עס איז ארויס א בת קול פון הימל וואס האט אויס געריפן אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר" – אז טוט'ס: "תְּשׁוּבָה" מיינע טייערע קינדער: "חוּץ מֵאַחֵר", ווייל די ווערטער: "**חוּץ מֵאַחֵר**" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "מֹחַ", ווייל יא ר' יוד, דאס איז דאך טאקע איינער פון די עיקר עבודות פון די הייליגע: "יְמֵי הַשּׁוֹבָבִים", אז א מענטש זאל: "תְּשׁוּבָה" טוהן אויף די "מחשבה", סיי אויף דאס וואס מען "טראכט", און סיי אויף דעם ענין וואס מען פלעגט נישט אלעמאל טראכטן גוט'ס אויף א צווייטע יוד, און מען זאל זיך טאקע פָאר נעמען פון היינט און ווייטער בקבלה גמורה שטענדיג צו טראכטן נאר גוט'ס אויף א יעדע יודיש קינד.

ווייל דאס איז דאך טאקע דער ענין וואס מיר האבן דא פריער געשמועס'ט, אז א יעדע יודיש קינד דארף דאך שטענדיג אכטונג געבן אויף דעם: "הַבָּאִים" – אז א יעדע יודיש קינד דארף דאך שטענדיג אכטונג געבן אויף דאס וואס עס קומט אריין אין איהם, און אויב א יודיש קינד וועט דאך טאקע אכטונג געבן אויף יעדע זאך וואס עס קומט אריין אין איהם, וועט ער דאך שוין טאקע דעמאלט'ס קענען זוכה זיין צו זיין אינגאנצן הייליג און ריין פארן הייליגן באשעפער, און דורך דעם וועט ער קענען צוריק אָן צו הייבן צו שפירן א טעם אין עבודת השם יתברך, און עס וועט דאך איהם שוין נישט זיין אזוי קאלט דאס דאווענען, נאר דאס דאווענען וועט זיין מיט א ווארימ'קייט, און ער וועט דאך שוין דעמאלט'ס קענען זוכה זיין צו שפירן א אמת'ע נאנט'קייט צום הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים".

און די ספרים הק' זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך, אז אויב איינער זעהט אמאל אז ער איז נישט מצליח אינמיטן די וואך אָן צו צינדן זיין הארץ: "לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דארף ער דאך דעמאלט'ס אויך גוט וויסן דעם סוד פון דעם הייליגן "שבת קודש", ווייל דער הייליגער "שבת קודש" האט דאך שוין גאר גאר א גרויסן "כח", און דער הייליגער "שבת קודש" קען דאך שוין א יעדעם איינעם אויס רייניגן אינגאנצן, און דער הייליגער "שבת קודש" וועט דאך שוין זיכער משפיע זיין אויף איהם פאר א גאנצע וואך אז ער זאל זיך טאקע קענען האלטן א גאנצע וואך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ לַיהו-ה" בתכלית השלימות, ווייל דיווארט: "שַׁבָּת" סימבאלאזירט דאך "השפעה", אזוי ווי דער הייליגער זוהר הק' שרייבט דאך שוין טאקע בפירוש אליין, אז: "כָּל בִּרְכָאָן דִּלְעֵלָּא וְתַתָּא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָן", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער הייליגער "שבת קודש" איז דאך משפיע אויף א גאנצע וואך אלע גוטע ברכות, סיי "ברוחניות", און סיי "בגשמיות".

און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק' אין די וואכעדיגע פרשה, אז די ווערטער: "מִצָּרְיְמָ**ה** אֵ**ת** יַעֲקֹ**ב** אִי**שׁ**" – איז דאך סופי תיבות: "הַשַּׁבָּת", ווייל יא ר' יוד, דער הייליגער "שבת קודש" האט דאך שוין גאר גאר א גרויסן "כח" ארויף צו ברענגען אויף א מענטש א: "קְדוּשָּׁה יְתֵרָה" און איהם צוריק שטעלן אויפן: "דֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהַסְּלוּלָה", ווייל דער הייליגער "שבת קודש" איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ" מתחילה ועד סוף, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי דעם הייליגן פיוט פון: "כָּל מְקַדֵּשׁ" וכו', אז: "יוֹם קָדוֹשׁ הוּא מִבּוֹאוֹ וְעַד צֵאתוֹ" – אז דער הייליגער "שבת קודש" איז דאך: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ" פון אנפאנג ביז'ן סוף.

און דער הייליגער "שבת קודש" האט דאך אויך א כח אריין צו ברענגען ביי א מענטש א "זיס'קייט" אין "עבודת השם יתברך", ווייל ווי אזוי זינגען מיר אלע א יעדן פרייטיג צו נאכט'ס אלע אינאיינעם במסיבת מרעים..?! אז: "הַשַּׁבָּת" – אז דער הייליגער "שבת קודש" איז דאך: "נֹעַם הַנְּשָׁמוֹת" – דער הייליגער "שבת קודש" מאכט דאך זיס יודישע נשמות, און דער הייליגער "שבת קודש" מאכט דאך אז נשמות ישראל זאלן שפירן א "זיס'קייט" אין "עבודת השם יתברך".

און דורך דעם וואס א יודיש קינד האט הנאה שבת קודש, און ער איז זיך מתענג שבת קודש, איז ער דאך דעמאלט'ס זוכה צו די גרעסטע "תיקון" וואס עס איז דאך נאר שייך אויף דער וועלט, ווייל עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז די ענין פון: "עונג שבת" ווערט דאך גערעכנט אויבן אין הימל: "כאלף תעניתים" – אז די ענין פון: "עונג שבת" ווערט דאך גערעכנט אויבן אין הימל אזוי ווי טויזנט "תעניתים", און ממילא עס לוינט זיך דאך פשוט אז א יודיש קינד זאל אויס נוצן דעם הייליגן "שבת קודש" ווי עס דארף צו זיין, ווייל ער קען דאך דורך דעם פארעכטן זיין גאנצע פארגאנגענהייט.

און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך קלאר בפירוש, אז: "כל השומר שבת כהלכתו" – אז א יעדער איינער וואס היט אפ דעם הייליגן שבת קודש ווי עס דארף צו זיין, איז: "אפילו היה עובד עבודה זרה כדור אנוש" – אפילו ער האט געדינט עבודה זרה אזוי ווי די דור פון אנוש, איז אבער נאך אלץ: "מוחלין לו" – איז מען איהם אבער נאך אלץ מוחל פון הימל אויף אלע זיינע עבירות וואס ער האט נאר געטוהן, און בכלל.. ווייסן מיר דאך שוין טאקע אלע אויך, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין קלאר בפירוש, אז: "כל השומר שבת כהלכתו מוחלין לו על כל עוונותיו".

אבער וואס טוט מען "אינמיטן די וואך"..?! וואס איז דעמאלט'ס די "תיקון השובבי"ם"..?! זאגן דאך אונז שוין די ראשונים אויף דעם, אז די עבודה פון שובבי"ם אינמיטן די וואך איז, צו לערנען דער הייליגער "תורה" הק', ווייל ווען מען לערנט א "סוגיא", אדער א "קשיא", אדער א "סברא", הייליג'ט דאך דאס דעמאלט'ס פשוט די "מח" פון א מענטש, און דאס רייניגט דאך דעמאלט'ס פשוט אויס די גאנצע: "נֶפֶשׁ" פון א יודיש קינד, און אויב האט מען א ריינע: "נֶפֶשׁ", דעמאלט'ס קען מען דאך שוין צוריק אָן הייבן צו שפירן א טעם אין "עבודת השם יתברך".

און איינמאל מען שפירט שוין א טעם אין "עבודת השם יתברך", קען מען דאך שוין דעמאלט'ס זוכה זיין צו דינען דעם הייליגן באשעפער: "בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל" – קען מען דאך שוין דעמאלט'ס זוכה זיין צו דינען דעם הייליגן באשעפער "פריילי‏כערהייט", און דאס איז דאך שוין די גרעסטע מדריגה וואס עס איז נאר פארהאנען אויף די וועלט, ווייל די גרעסטע מדריגה אויף דער וועלט איז דאך, צו דינען דעם הייליגן באשעפער: "בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל":

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה וגו': עס ווערט דאך שוין געברענגט פון צדיקים, אז ווען עס קומט אָן די הייליגע טעג פון שובבי"ם, און א יודיש קינד וויל זיך דאך שוין דעמאלט'ס נעמען: "תְּשׁוּבָה" טוהן, דארף ער דאך דעמאלט'ס וויסן איין וויכטיגע כלל זייער גוט, און דאס איז דאך, אז מען קוקט נישט אויף צוריק, נאר מען קוקט שטענדיג אויף דעם היינטיג'ן טאג, ווייל וואס עס איז "געוועז", איז דאך שוין "געוועז", און וואס מען האט "געטוהן", האט מען דאך שוין "געטוהן", און ממילא וועגן דעם טאר דאך נישט א מענטש זיין פארנומען מיט זיין פארגאנגענהייט, נאר ער זאל לאזן די "פארגאנגענהייט" בלייבן א "פארגאנגענהייט", און ער זאל שטענדיג נאר קוקן אויף: "להבא" – און ער זאל שטענדיג נאר קוקן אויף "פָאר אויס" – און ער זאל שטענדיג נאר קוקן אויף יענעם טאג אליין, און ער זאל שטענדיג נאר טראכטן, וואס קען איך טוהן היינטיג'ן טאג כדי צו זיין גוט..?! און וואס קען איך טוהן היינטיג'ן טאג כדי צו מאכן א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער..?!

און דאס איז דאך בעצם די ערשטע יסוד פון די מצוה פון: "תְּשׁוּבָה", ווייל די ערשטע יסוד פון די מצוה פון: "תְּשׁוּבָה" איז דאך: "קבלה על להבא", ווייל אויב א מענטש וועט אָן הייבן צוריק צו קוקען אויף דאס וואס עס איז "געווען" און אויף דאס וואס ער האט "געטוהן", וועט ער דאך שוין דעמאלט'ס גלייך אָן הייבן צו ווערן גאר גאר שטארק צובראכן, ווייל עס וועט דאך איהם דעמאלט'ס גאר גאר שטארק ווי טוהן אס וואס ער האט אמאל געטוהן, און ממילא וועגן דעם דארף דאך א מענטש שטענדיג וויסן, אז די ערשטע זאך וואס א יודיש קינד דארף אינזין האבן ווען ער וויל: "תְּשׁוּבָה" טוהן איז דאך, אז מען קוקט נאר אויפן היינטיג'ן טאג, און נישט ח"ו אויף צוריק.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת" וגו', ווייל די ווערטער: וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "הַשָּׁב יוֹם", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז: "הַשָּׁב" – אז דער מענטש וואס טוט: "תְּשׁוּבָה", דארף דאך נאר וויסן איין וויכטיגע כלל, און דאס איז דאך, אז מען קוקט דאך שטענדיג נאר אויף: "יוֹם" – אז מען קוקט דאך שטענדיג נאר אויף דעם היינטיג'ן טאג, און נישט ח"ו אויף צוריק, ווייל ווען איינער טוט: "תְּשׁוּבָה", דארף ער דאך דעמאלט'ס נאר וויסן איין זאך, און דאס איז דאך טאקע, דעם: "יוֹם" – דעם היינטיג'ן טאג, און אז איך ווער דאך יעצט: "כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי", און אז איך ווער דאך יעצט א נייע מענטש פון היינט און ווייטער.

און מען טאר דאך נישט זיין פארנומען מיט אלטע פעקלעך ח"ו, ווייל א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען ביי א יעדע געלעגענהייט, אז: "בָּרוּךְ יהו-ה יוֹם יוֹם" – אז איך פראביר דאך א יעדן איינציג'ן טאג צו ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, און אויב עס איז מיר נישט געלונגען היינטיג'ן טאג צו ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, וועל איך דעמאלט'ס מארגן נאך אמאל פראבירן צו ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, און אויב עס איז מיר נישט געלונגען מארגן צו ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, וועל איך דעמאלט'ס איבער מארגן נאך אמאל פראבירן צו ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער, און איך וועל זיך ח"ו קיינמאל נישט "מייאש" זיין פון צו דינען דעם הייליגן באשעפער.

ווייל דאס איז דאך די "נסיון" פון א מענטש, ווייל די עיקר "נסיון" פון א מענטש איז דאך נאר, אז ער זאל שפירן ביי זיך זייער: "מְיֻאוּשׁ", און אפילו אזוי זאל ער מחליט זיין ביי זיך, אז מיין עבודה איז יא חשוב און טייער ביים אייבערשטן, ווייל לכאורה שטעלט זיך דאך דא א מורא'דיגע קשיא, און דאס איז דאך, אז וואס איז די גאנצע "תפקיד" פון דעם יצר הרע..?! צו מאכן זינדיגן דעם מענטש, יא..?! אבער לכאורה איז ער דאך גאר גאר א גרויסער "נער", ווייל אפילו אויב עס וועט איהם שוין יא געלונגען איבער צו רעדן א מענטש צו טוהן א עבירה, וועט ער דאך אבער נאך אלץ גארנישט האבן אויף געטוהן, ווייל באלד גייט דאך דער מענטש אריין גיין אין דעם בית המדרש, און ער וועט דאך שוין דעמאלט'ס גלייך זאגן פארן הייליגן באשעפער, אז: "סְלַח לָנוּ" – אז זיי מיר מוחל הייליגער באשעפער אויף דאס וואס איך האב דא געטוהן, און דער אייבערשטער וועט דאך איהם שוין דעמאלט'ס גלייך מוחל זיין..?!

און אפילו אויב דער מענטש איז דאך שוין גאר גאר א גרויסע "בעל עבירה", און זיין: "תְּשׁוּבָה" קומט דאך נישט אָן און איין מינוט, איז דאך אבער נאך אלץ דא דעם הייליגסט'ן טאג פון דעם יאר וואס הייסט "יום כיפור", וואס דעמאלט'ס ווערן דאך שוין אלע עבירות "נמחל", און ממילא פארוואס ארבעט די יצר הרע אזוי שווער איבער צו רעדן א מענטש צו טוהן א עבירה..?! ער וועט דאך סיי ווי סיי גארנישט האבן אויף געטוהן..?! ווייל אין א פָּאר מינוט ארום וועט דאך איהם שוין דער אייבערשטער אלעס מוחל זיין..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דער יצר הרע איז דאך שוין בכלל נישט אזא "נער" ווי מען מיינט, ווייל דער יצר הרע דארף דאך נישט בעצם די "עבירה" פון דעם מענטש, נאר דער יצר הרע דארף דאך נאר די: "עַצְבוּת" און די: "מָרָה שְׁחוֹרָה" פון א מענטש נאך די עבירה.

און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער אזוי, אז גלייך נאך דעם וואס א מענטש איז א דורך געפאלן אין א געוויסע עבירה, קומט דעמאלט'ס דער יצר הרע גלייך אָן, און דער יצר הרע זאגט דאך שוין דעמאלט'ס גלייך פאר דעם מענטשן אין זיין אויער אריין, אז געב נאר א קוק אויף דיר ר' יוד, קוק דיר אָן, אייביג טוסטו עבירות, און גלייך נאך דעם טוסטו: "תְּשׁוּבָה", דו מיינס'ט אז דאס איז עפעס א "שפיל"..?! און דו מיינסט טאקע אז דער אייבערשטער נעמט נאך אָן דיין: "תְּשׁוּבָה"..?! בכלל נישט, ווייל דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי גאר גאר א גרויסע "בעל עבירה", און דו קענסט דאך שוין סיי ווי סיי נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן.

און אויב דו קענסט דאך שוין סיי ווי סיי נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, דעמאלט'ס קענסטו דאך שוין גיין עסן "נבילות וטריפות", ווייל דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי פאר פאלן, און ער ברענגט איהם נאך אפילו דעמאלט'ס אויך צו אסאך אסאך ראיות פון דער הייליגער תורה הק' אז ער קען דאך שוין סיי ווי סיי נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן ווי צום ביישפיל דעם פסוק פון: "וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי" וכו', ביז.. ער צוברעכט איהם שוין אינגאנצן.

און דער מענטש מיינט דאך נאך נעבעך טאקע אז ער איז דאך שוין "דערנאך", און ממילא וועגן דעם הערט ער שוין אויף צו לערנען, און ער הערט שוין אויף צו דאווענען, און ער הערט שוין אויף צו טוהן מצוות, ביז.. דער יצר הרע הייסט איהם שוין: "לך עבוד עבודה זרה" – ביז דער יצר הרע הייסט איהם שוין גיין דינען עבודה זרה רח"ל, ווייל ניין ר' יוד, דער יצר הרע דארף דאך נישט די "עבירה" פון א מענטש, נאר די יצר הרע דארף דאך בלויז די: "עַצְבוּת" פון א מענטש נאכן עבירה, ווייל דורך דעם וואס א מענטש ווערט: "בְּעַצְבוּת" נאך א עבירה, און ער הייבט שוין אָן צו טראכטן מחשבות פון: "יִאוּשׁ", קען איהם דאך שוין דעמאלט'ס דער יצר הרע אינגאנצן אריין כאפן אין זיין נעץ אריין, ווייל דאס וויל דאך דער יצר הרע פון א מענטש, דער יצר הרע וויל דאך נאר איין זאך פון א מענטש, און דאס איז דאך, אינגאנצן צו צוברעכן דעם מענטש, כדי אז דער מענטש זאל אינגאנצן אפ לאזן זיין גאנצע "עבודת השם יתברך", און אויב דער מענטש האט שכל, ענטפערט ער דעמאלט'ס פארן יצר הרע גלייך די ערשטע מינוט, אז עס איז אמת טאקע אז איך בין דורך געפאלן אין א "עבירה", און עס איז אמת טאקע אז איך האב זיך טאקע פאר זינדיגט פארן הייליגן באשעפער, אבער דאס מיינט דאך אבער נאך נישט אז איך קען שוין נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן.

ווייל א יודיש קינד קען דאך שטענדיג: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און עס עקזעסטירט דאך בכלל נישט אזא זאך אז א יודיש קינד קען נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, ווייל אפילו די גרעסטע בעל עבירה קען דאך אויך: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און אפילו דער מענטש וואס ווערט אָן גערופן בלשון הגמרא: "אַחֵר", האט דאך בעצם אויך געקענט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און אפילו עס איז ארויס א בת קול אויף איהם אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים חוּץ מֵאַחֵר" – און אפילו עס איז ארויס א בת קול אויף איהם אז א יעדער איינער קען: "תְּשׁוּבָה" טוהן חוץ פון: "אַחֵר".. האט ער דאך אבער נאך אלץ געקענט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, ווייל עס איז דאך נישט דא אזא זאך אז א יודיש קינד קען נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן.

און די מפרשים זאגן דאך אונז שוין טאקע אויך, אז דער בת קול דא איז דאך נאר געווען א פשוט'ע "נסיון" פאר: "אַחֵר", ווייל דער אייבערשטער האט דאך געוואלט דא, אז: "אַחֵר" זאל הערן מיט זיינע אייגענ'ע אויער'ן ווי מען רופט אויס פון הימל אז דו קענסט שוין נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און אפילו אזוי זאל ער זיך אבער נאך אלץ אָן רופן צום אייבערשטן און זאגן, אז עס גייט מיר נישט אָן וואס מען זאגט אויף מיר, איך גיי יא צוריק צום אייבערשטן..! ווייל איך וויל דאך דעם "אייבערשטן", און אפילו אויב דער אייבערשטער וויל מיר נישט, וויל איך איהם אבער יא, און איך וועל איהם קיינמאל נישט אוועק ווארפן, אפילו אויב ער וועט מיר זאגן קלאר און אפן אז "איך דארף דיר נישט האבן".

און יא טייערע יודן, דאס איז געווען די גאנצע נסיון פון: "אַחֵר", די גאנצע נסיון פון: "אַחֵר" איז געווען, אז ער זאל הערן א קלארע בת קול: "מִן הַשָּׁמַיִם" וואס רופט אויס אז דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי פון לאנג "דערנאך", און ער זאל זיך קענען "מתגבר" זיין אויף דעם און "יא" צוריק קומען צום אייבערשטן, אבער [ווי באקאנט].. האט לײדער: "אַחֵר" נישט געקענט ביי שטיין דעם שווער'ן ביטער'ן נסיון פון הערן ווי דער אייבערשטער אליין זאגט אויף איהם אז "איך דארף דיר שוין מער נישט האבן", נאר ער האט דעמאלט'ס גלייך געטראכט צו זיך, אז שוין.. איך בין דאך שוין סיי ווי סיי "דערנאך", ווייל איך האב דאך שוין דא אליין געהערט ווי מען רופט אויס פון הימל אז איך קען דאך שוין סיי ווי סיי נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און ממילא אויב אזוי.. קען איך דאך שוין גיין טוהן וואס איך וויל, ווייל איך בין דאך שוין סיי ווי סיי "דערנאך".

און אט דער נסיון פון: "אַחֵר" חזר'ט זיך דאך שטענדיג איבער טאג טעגליך ביי אונז, ווייל די נסיון פון א מענטש אויף דער וועלט איז דאך, אז ער זאל הערן כסדר ווי אזוי זיין יצר הרע זאגט איהם שטענדיג, אז דו ביזט דאך שוין סיי ווי סיי "דערנאך", ווייל דו ביזט דאך שוין אזא גרויסע בעל עבירה, און דו קענסט דאך שוין סיי ווי סיי נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן, און די נסיון פון א מענטש איז, אז אפילו ער הערט אזעלכע ווערטער, זאל ער נאך אלץ נישט אפ לאזן דעם אייבערשטן, נאר ער זאל דעמאלט'ס נאך אמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, און ער זאל דעמאלט'ס ווידער אמאל זאגן פארן אייבערשטן, אז "איך וויל דאך זיין א ערליכע יוד", און דער יצר הרע וויל דאך מיר דא פשוט צוברעכן, און ממילא וועגן דעם רעדט ער מיר דא איין אז איך קען שוין נישט: "תְּשׁוּבָה" טוהן.

אבער עס איז דאך נישט אמת, ווייל עס עקזעסטירט דאך נישט אזא זאך אז א יודיש קינד זאל נישט קענען: "תְּשׁוּבָה" טוהן, ווייל א יודיש קינד קען דאך שטענדיג: "תְּשׁוּבָה" טוהן און צוריק קומען צום אייבערשטן, און ממילא וועגן דעם טאר דאך א מענטש קיינמאל נישט קוקען אויף דאס וואס עס איז "געווען", ווייל דאס וועט דאך נאר צו ברענגען אז ער זאל אָן הייבן צו טראכטן דעם מחשבה פון: "אַחֵר" אז איך בין דאך שוין סיי ווי סיי "דערנאך".

און א מענטש דארף דאך טאקע אויך שטענדיג געדענקען דעם געדאנק וואס מיר האבן דא פריער אויס געשמועס'ט, אז: "הַשָּׁב" – אז דער מענטש וואס טוט: "תְּשׁוּבָה", דארף דאך שטענדיג וויסן איין וויכטיגע כלל, און דאס איז דאך, אז מען קוקט דאך שטענדיג נאר אויף דעם: "יוֹם" – אז מען קוקט דאך שטענדיג נאר אויף דעם היינטיג'ן טאג, און נישט ח"ו אויף צוריק, ווייל ווען איינער טוט: "תְּשׁוּבָה", דארף ער דאך דעמאלט'ס נאר וויסן פון דעם: "יוֹם" – דארף ער דאך דעמאלט'ס נאר וויסן פון דעם היינטיג'ן טאג וואס ער ווערט: "כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמֵי", און נאר מיט דעם דארף ער זיך דאך אפ געבן דעמאלט'ס, און ער טאר זיך דאך נישט אפ געבן דעמאלט'ס מיט קיין אלטע פעקלעך ח"ו.

און דורך דעם וואס א יודיש קינד וועט שטענדיג מקיים זיין דעם כלל פון: "**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה**" – וואס איז דאך ראשי תיבות: "הַשָּׁב יוֹם" – אז ער וועט שטענדיג נאר קוקען אויף יענעם טאג אליין, און נישט אויף צוריק ח"ו, וועט ער דאך טאקע בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין צו: "אֶת יַעֲקֹב" – וועט ער דאך טאקע בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין אז ער וועט זיך נאך אמאל קענען האלטן צוזאמען און אָן געקלעבט אין זיין "חלק הטוב", און "דאס" מתגבר זיין איבער זיין "חלק הרע", און אין דעם זכות פון זיין: "עַיִן טוֹבָה" וואס ער האט געהאט אויף זיך אליין, וועט ער דאך טאקע בעזרת השם יתברך קענען זוכה זיין: "לַעֲשׂוֹת מַעֲשִׂים טוֹבִים וְלָלֶכֶת בְּדַרְכֵי יְשָׁרִים":

וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם: לכאורה איז דאך גאר שווער צו פארשטיין דעם לשון הפסוק דא, ווייל עס איז דאך שוין באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין אלע ספרים הק', אז די גאנצע מעשה פון "מכירת יוסף" מיט די הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" איז דאך נישט געווען קיין פשוט'ע מעשה אזוי ווי מיר פארשטייען דאס, נאר עס איז געווען גאר גאר טיפע

סודות נפלאים וואס מיר קענען דאך אין אמת'ן ניט אמאל משיג זיין, און מיר קענען דאך בעצם בכלל נישט משיג זיין ווער די הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" זענען באמת געווען, און ממילא אויב אזוי ווערט דאך לכאורה שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל פארוואס ווען די פסוק וויל אונז דא זאגן וויפיל קינדער יעקב אבינו האט אראפ געברענגט קיין מצרים זאגט אונז דא די פסוק דעם לשון פון: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב"..?! מען רעדט דאך דא פון דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק וּקְדוֹשׁ יהו-ה יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם" מיט די צוועלעף הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ"..! און ממילא עס וואלט דאך לכאורה געדארפט שטיין דא אין פסוק א שענער'ע לשון, ווי למשל: "תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב", אדער: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", וואס איז אבער פשט פון דעם לשון: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב"..?! נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז עס וואלט דאך טאקע בעצם געדארפט שטיין א אנדערע לשון, און די לשון: "יֶרֶךְ יַעֲקֹב" איז דאך טאקע נאר א: "כִּנּוּי".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ" וגו', ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי**" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "כִּנּוּי", ווייל יא ר' יוד, עס איז הונדערט פראצענט זיכער אז די לשון הפסוק דא איז דאך טאקע נאר א: "כִּנּוּי", און דו זאלסט ח"ו נישט מיינען אז מען רעדט דא פשוט פון א שיינע גרויסע משפחה פון זיבעציג נפשות.. און יוכבד איז געבוירן געווארן ביי די טויער פון מצרים.. וכו' וכו' וכו', ווייל מען דארף זיך דאך געבן א שטעל אפ א מינוט דא, און זיך דערמאנען דא, אז מען רעדט דאך דא פון די הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ", און די ווערטער: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ" איז דאך אוודאי נאר א: "כִּנּוּי", און ווער זאגט טאקע אז די פסוק פון: "**וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי**" וכו' רעדט זיך דאך טאקע נאר פון א: "כִּנּוּי" לשון, און נישט פון עפעס אנדערש..?!

וועגן דעם זאגט אונז דא די פסוק ווייטער די ווערטער: "יֶרֶךְ יַעֲקֹב", און די ווערטער: "**יֶרֶךְ יַעֲקֹב**" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "יְיָ" – דעם אייבערשטנ'ס נאמען, ווייל יא ר' יוד, קיינער זאל ח"ו נישט מיינען אז מען רעדט דא פון פשוט'ע מענטשן, ווייל מען רעדט דאך דא פון דעם הייליגן סבא קדישא "יעקב אבינו עליו השלום" מיט זיינע הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" וואס זענען דאך אלע געווען: "כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ לַיהו-ה".

און דער ענין דא קען מען דאך טאקע צו גלייכן צו די גמרא אין מסכת גיטין (דף ה' ע"ב), ווייל די גמרא דערציילט דאך אונז שוין אין מסכת גיטין (דף ה' ע"ב) א מורא'דיגע מעשה, און דאס איז, אז עס איז געווען אמאל גאר גאר א גרויסע פייגל וואס האט געהייסן: "בַּר יוֹכְנִי", און דער פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" איז דאך טאקע געווען גאר גאר א גרויסע פייגל, עד כדי כך.. אז עס האט אמאל פאסירט אז דער פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" האט אראפ געלאזט א איי בטעות, און די איי פון דעם פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" האט איין געזינקען זעכציג שטעט, און עס האט צובראכן דריי הונדערט טענען ביימער, אזוי גרויס איז געווען די איי פון דעם גרויסן פייגל: "בַּר יוֹכְנִי", יעצט לאמיר פארשטיין, פארוואס ברענגט אונז דא די גמרא אראפ אזא סארט מעשה..?! און די תירוץ אויף דעם איז דאך, אז די סיבה פארוואס די גמרא ברענגט אונז דא אראפ אזא סארט מעשה איז דאך, כדי מסביר צו זיין די גרויס'קייט פון דעם פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" וואס איז דאך געווען גאר גאר א גרויסע פייגל.

און ממילא די זעלבע זאך קען מען דאך זאגן דא ביי "יעקב אבינו", ווייל די פסוק האט זיך דאך טאקע דוקא באנוצט דא מיט דעם לשון פון: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב", כדי אונז צו לאזן הערן דא, אז אונז האבן דאך בעצם בכלל נישט קיין שום השגה ווער די הייליגע ברודער'ס זענען געווען, ווייל זיי זענען דאך אלע געווען: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב" – ווייל זיי זענען דאך אלע געווען: "קָדוֹשׁ מֻרְחָם" אויף גאר גאר א הויעכ'ע מדריגה וואס מיר קענען דאך בעצם בכלל נישט משיג זיין.

און ממילא דאס איז די פשט פון דעם לשון: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב", און נישט ח"ו.. אז עס מיינט פשוט פשט, נאר עס איז אזוי ווי די מעשה פון די: "בַּר יוֹכְנִי" וואס די גמרא וויל דאך אונז דארטן בלויז געבן צו פארשטיין ווער דער פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" איז געווען, און ממילא וועגן דעם דערציילט אונז די גמרא דארטן,

אז דו ווייסט וואס די פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" האט אמאל געטוהן..?! עס האט "איין געזינקען" און "צובראכן" און "חרוב געמאכט" וכו', כדי מען זאל פארשטיין איר גרויס'קייט.

און ממילא די זעלבע זאך איז דאך געווען דא, ווייל די סיבה פארוואס עס שטייט דא אין פסוק דעם לשון: "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב" איז דאך, כדי אונז צו לאזן וויסן דא, אז מיר קענען דאך בעצם בכלל נישט משיג זיין ווער אונזער הייליגע זיידע "יעקב אבינו" מיט זיינע הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" זענען געווען, און ניין ר' יוד, מיר קענען דאך זיי בעצם בכלל נישט משיג זיין.. פונקט אזוי ווי קיינער האט נישט געקענט משיג זיין דעם גרויסן פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" בשעתו.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ" וגו', ווייל די ווערטער: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "יוֹכְנִי", כדי אונז מרמז צו זיין, אז פנקט אזוי ווי קיינער האט נישט געקענט משיג זיין דעם גרויסן פייגל: "בַּר יוֹכְנִי" אין זיין צייט, אזוי אויך קען דאך קיינער פון אונז נישט משיג זיין די "גרויס'קייט" און די "הייליג'קייט" פון די צוועלעף הייליגע: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" וואס זענען דאך געווען קינדער פון דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק סָבָא קַדִּישָׁא וּקְדוֹשׁ יהו-ה יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם":

וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם: אלע ספרים הק' פרעגן דאך שוין די באקאנט'ע קשיא, אז וואס פאר א שייכות האט די אנהייב פסוק מיט דעם סוף פון דעם פסוק, און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז וואס האט די ווערטער פון: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ" מיט די ווערטער פון: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די אלע זיבעציג נפשות וואס זענען אראפ געקומען קיין מצרים זענען דאך אלע געווען: "כָּל כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ" דורך אויס זייער גאנצע לעבן, און וויבאלד די צוועלעף שבטים זענען געווען אפ געהיטן אין: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", ממילא וועגן דעם האט דאך יוסף הצדיק אויך געקענט האבן די כח זיך צו קענען האלטן אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים" און בלייבן א ערליכע יוד, אזוי ווי רש"י הק' פרעגט שוין קלאר די קשיא, אז: "והלא הוא ובניו היו בכלל שבעים" – אז יוסף הצדיק איז דאך אויך געווען א חלק פון די זיבעציג נפשות וואס די פסוק רעכנט אונז דא אויס..?! און ממילא פארוואס דארף דא נאך אמאל שטיין ארויס געשריבן אין פסוק אז: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם"..?! מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט אז: "והלא הוא ובניו היו בכלל שבעים"..?!

און רש"י הק' ענטפערט דאך אונז שוין דא אויף דעם, אז די ווערטער פון: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם" קומט דאך אונז דא פשוט לאזן הערן די "צדקות" פון דעם גרויסן הייליגן צדיק "יוסף הצדיק", און די ווערטער פון: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם" קומט דאך אונז דא פשוט לאזן הערן, אז ער איז דאך טאקע דער זעלב'ער יוסף הצדיק וואס איז א דורך געגאנגען אזא שווערע פרשה, און: "ונעשה מלך" – און ער איז שפעטער געווארן א קעניג איבער דעם לאנד מצרים, אבער מיט דעם אלעמען: "ועומד בצדקו" – אבער מיט דעם אלעמען איז ער אבער נאך אלץ געבליבן "ערליך", און יא ר' יוד, דאס קומט אונז דא לאזן הערן די ווערטער פון: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם".

אבער די תירוץ גייט דאך בעצם נאך טיפער, ווייל רש"י הק' מיינט דאך אונז דא צו זאגן מיט דעם, אז די ערשטע האלב פון דעם פסוק פאר ענטפערט דאך די צווייטע האלב פון דעם פסוק, ווייל טאקע וויבאלד עס איז געווען: וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ "יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב" שִׁבְעִים נָפֶשׁ – ווייל טאקע וויבאלד די אנדערע ברודער'ס פון יוסף הצדיק האבן זיך אויף געפירט "בקדושה", ממילא וועגן דעם: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם" – ממילא וועגן דעם האט זיך יוסף הצדיק געקענט האלטן ערליך אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, און טאקע וויבאלד אלע קינדער פון יעקב אבינו האבן פארמאגט א כח הרבים פון: "שְׁמִירַת עֵינַיִם" פון זיבעציג נפשות כמנין ע', ממילא וועגן דעם האבן זיי אלע געהאט א כח אז א יעדער איינער פון זיי זאל דאס קענען ביי שטיין, און אפילו "יוסף הצדיק" וואס איז געווען ווייט אוועק פון זיי אין דעם לאנד "מצרים" אויך, איי פארוואס

טאקע..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל: "הוא ובניו היו בכלל שבעים" – ווייל "יוסף הצדיק" איז דאך אויך געווען א חלק פון דעם הייליגן חבורה וואס האט זיך אויף געפירט "בקדושה", און ממילא וועגן דעם טאקע האבן זיך די: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" געקענט האלטן בקדושה אין דעם טמא'נעם לאנד מצרים, ווייל א יעדער איינער פון די זיבעציג נפשות האט דאך געהאט צוויי אויגן מיט: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", און ממילא איז עס דאך אויס געקומען צוויי מאל די נומער "זיבעציג", און ווען מען רעכנט צוויי מאל אויף א יעדעם איינעם פון די זיבעציג נפשות [פאר די צוויי אויגן], קומט דאך דאס דעמאלט'ס אויס די נומער פון "הונדערט און פערציג", וואס דאס איז דאך כמנין: "קָם".

און טאקע וועגן דעם האבן זיי אלע געקענט ביי שטיין די שווערע נסיונות אין דעם לאנד מצרים, ווייל זיי האבן דאך אלע פארמאגט א "כח הרבים" וואס זענען געווען געווארענט אין: "שְׁמִירַת עֵינַיִם", און וועגן דעם טאקע האט יוסף הצדיק אויך געקענט ביי שטיין די שווערע נסיונות אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים", ווייל א יעדער איינער פון די זיבעציג נפשות האט דאך געהאט א כח פון "השפעה" אויף דעם צווייטן, און ממילא וועגן דעם האט יוסף הצדיק אויך געהאט די כח זיך צו קענען האלטן "בקדושה" טראץ דעם וואס ער האט זיך געפונען אין אזא טמא'נעם לאנד ווי "מצרים", ווייל א כח הרבים איז דאך שוין גאר גאר א שטארקע זאך, און אויב א "רבים" טוען א גוטע זאך צוזאמען, דעמאלט'ס האט דאך דאס שוין גאר גאר א שטארקע "קיום", ווייל א יעדער איינער פון זיי האט דאך א "השפעה" אויף דעם צווייטן.

און ממילא דאס איז פשט דא אין דעם פסוק פון: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ", אז: "וַיְהִי כָּל נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ" – אז וויבאלד אלע זיבעציג נפשות פון יעקב אבינו זענען דאך געווען אפ געהיטן "בקדושה", ממילא וועגן דעם: "וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם" – ממילא וועגן דעם האט זיך יוסף געקענט געקענט האלטן ערליך "בקדושה" אפילו אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים", ווייל עס איז דאך געווען דא א "כח הרבים" וואס איז דאך שוין גאר גאר א שטארקע זאך, און דאס ציט זיך דאך שוין אויך גאר גאר ווייט, אפילו ביז "מצרים".

און וועגן דעם פירט דאך שוין טאקע אויך רש"י הק' אויס מיט די ווערטער אז: "הוא יוסף שהיה במצרים ונעשה מלך ועומד בצדקו", ווייל די סיבה פארוואס "יוסף הצדיק" האט זיך געקענט האלטן אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים" איז דאך געווען, ווייל: "הוא ובניו היו בכלל שבעים" – ווייל ער מיט זיינע קינדער מנשה און אפרים זענען דאך אויך געווען א חלק פון דעם הייליגן חבורה וואס האט זיך געפונען אין ארץ כנען, און ממילא וויבאלד יוסף הצדיק האט געהאט מיט זיך דעם שטארקן "כח הרבים", ממילא וועגן דעם האט ער זיך דאך שוין געקענט האלטן ערליך אפילו אין דעם טמא'נעם לאנד "מצרים", ווייל די "כח ההשפעה" פון זיינע הייליגע ברודער'ס מריחוק מקום וקירוב הלב האט דאך געהאט גאר גאר א שטארקע "השפעה" אויף איהם.

און ווען יוסף הצדיק האט פארגעסן אמאל פאר א מינוט פון זיין אלט'ן "חבורה" אין ארץ כנען, האט זיך דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך באוויזן פאר איהם די הייליגע צורה פון דעם גרויסן "ראש החבורה" וואס האט געהייסן "יעקב אבינו", און עס האט דאך איהם שוין דעמאלט'ס גלייך דערמאנט, אז איין מינוט יוסף הצדיק, דו ביזט דאך א חלק פון אזא הייליגע "חבורה", און ממילא כאפ זיך שנעל צוריק, און גלייך ווען עס איז געווען: "נראית לו דמות דיוקנו של אביו", האט ער דאך טאקע דעמאלט'ס גלייך צוריק באקומען פריש'ע כוחות ארויס צו שרייען דעם: "וַיְמָאֵן" און זיך האלטן ווייטער ערליך און הייליג פארן הייליגן באשעפער, און בלייבן ווייטער א חלק פון דעם הייליגן חבורה וואס איז אָן געפירט געווארן דורך דעם גרויסן הייליגן: "צַדִּיק וּקְדוֹשׁ יהו-ה יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ":

וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף: די גמרא ברענגט דאך אונז שוין אראפ אין מסכת עירובין (דף: נ"ג עמוד א') א מחלוקת צווישן רב און שמואל בנוגע דעם פסוק פון: "וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", און איינער פון זיי זאגט אונז דארטן, אז די ווערטער: "וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל

מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף" מיינט צו זאגן אז עס איז טאקע אויף געשטאנען דעמאלט'ס "א נייע קעניג" אויף דעם לאנד מצרים, און לויט דעם מיינט דאך די ווערטער: "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף" צו זאגן, כפשוטו, אז ער האט פשוט נישט געוואוסט ווער יוסף הצדיק איז געווען, אבער די אנדערע שיטה זאגט אונז דארטן, אז.. ניין, עס איז געווען דעמאלט'ס דער זעלב'ער קעניג ווי פריער, נאר ער האט פשוט באנייט זיינע גזירות, און לויט דעם דארף מען אפ טייטש'ן די ווערטער פון: "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף" אזוי ווי רש"י הק' טייטש'ט דאס אפ, אז: "עשה עצמו כאילו לא ידע" – אז דער אלט'ער קעניג פרעה האט זיך דא פשוט געמאכט ווי כאילו ער געדענקט נישט ווער "יוסף הצדיק" איז געווען.

אבער לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין דא אזוי, וזלה"ק בדברי המתחיל: "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", אז: "עשה עצמו כאילו לא ידע" – אז פרעה האט זיך דא געמאכט כאילו ער ווייסט נישט ווער "יוסף הצדיק" איז געווען, אבער די ווערטער שטימט דאך אבער לכאורה נישט, ווייל דאס אז: "עשה עצמו כאילו לא ידע" שטימט דאך נאר לויט די שיטה וואס האלט אז עס איז געווען דער זעלב'ער קעניג ווי פריער, [נאר ער האט באנייט זיינע גזירות], ווייל נאר דעמאלט'ס קענסטו דאך זאגן, אז בעצם האט דאך דער קעניג פון מצרים גאנץ גוט געוואוסט ווער "יוסף הצדיק" איז, נאר סך הכל: "עשה עצמו כאילו לא ידע" – נאר ער האט זיך סך הכל געמאכט "כאילו" ער ווייסט נישט ווער "יוסף הצדיק" איז געווען.

אבער לויט די שיטה וואס האלט אז עס איז דאך טאקע באמת אויף געשטאנען דא יעצט "א נייע קעניג", שטימט דאך דעמאלט'ס לכאורה נישט די ווערטער פון רש"י הק', ווייל וואס הייסט אז: "עשה עצמו כאילו לא ידע" – ווייל וואס הייסט אז די נייע קעניג פון מצרים האט זיך דא געמאכט כאילו ער ווייסט נישט ווער "יוסף הצדיק" איז געווען..?! ער האט דאך טאקע נישט געוואוסט..?! ווייל ער איז דאך דעמאלט'ס געווען "א נייע קעניג" וואס איז דאך ערשט יעצט אויף גענומען געווארן אלץ קעניג אויף דעם לאנד מצרים, און לויט דעם וואלט מען דאך לכאורה געדארפט טייטש'ן די ווערטער: "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", אז די נייע קעניג פון מצרים האט דאך דא טאקע פשוט "נישט געוואוסט" ווער יוסף הצדיק איז געווען..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז אין אמת'ן אריין קען די ווערטער פון: "עשה עצמו כאילו לא ידע" שטימען לויטביידע שיטות, איי.. וועסטו אבער פרעגן, אז וואס טוט זיך לויט די שיטה וואס האלט אז עס איז געווען "א נייע קעניג"..?! ווי אזוי שטימט די ווערטער פון: "עשה עצמו כאילו לא ידע" לויט די שיטה אז עס איז טאקע דא אויף געשטאנען "א נייע קעניג" אויף דעם לאנד מצרים..?! וואס הייסט אז: "עשה עצמו כאילו לא ידע"..?! ער האט דאך טאקע נישט געוואוסט ווער "יוסף הצדיק" איז געווען..?! ווייל ער איז דאך דעמאלט'ס געווען "א נייע קעניג" וואס איז דאך ערשט יעצט אויף גענומען געווארן אלץ קעניג אויף דעם לאנד מצרים..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז לויט ביידע שיטות האט זיך דער קעניג פרעה געמאכט: "כאילו לא ידע את יוסף" – לויט ביידע שיטות האט זיך דער קעניג פרעה געמאכט ווי כאילו ער ווייסט נישט ווער יוסף הצדיק איז געווען, און אפילו לויט די שיטה אז עס איז דא יעצט אויף געשטאנען א אמת'ע "נייע קעניג" אויף דעם לאנד מצרים אויך, ווייל עס קען דאך נישט זיין אז א "נייע קעניג" וואס איז געווארן אויף גענומען אויף דעם לאנד מצרים זאל נישט וויסן צו זאגן פון "יוסף הצדיק", און "נישט וויסן צו זאגן פון יוסף הצדיק" איז דאך פשוט אנטקעגן די "מציאות"..?! ווייל לאמיר נישט פארגעסן טייערע יודן, אז "יוסף הצדיק" איז דאך געווען די איינציג'סטע קנעכט אין די גאנצע וועלט וואס איז געווארן א "קעניג", און "יוסף הצדיק" איז דאך געווען די איינציג'סטע קנעכט אין די גאנצע וועלט וואס איז ארויס געגאנגען פון דעם שמוציג'ן "תפיסה" ביז צום "כסא מלוכה" אין איין מינוט, און "יוסף הצדיק" האט דאך שוין אויך געהאט אפ געקויפט אין די פארגאנגענהייט: "בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ" אלע מענטשן פון גאנץ מצרים מיט אלע זייערע פארמעגנ'ס דורך די עסן וואס ער האט זיי געגעבן אין די הונגער יארן.

און "יוסף הצדיק" האט דאך שוין אויך געהאט געראטעוועט אין די פארגאנגענהייט גאנץ "מצרים" ווען זיי זענען שיעור נישט אויס געגאנגען פאר הונגער אין די הונגער יארן, און ער אליין האט דאך זיי שוין דעמאלט'ס אויך אפ געקויפט: "בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ", און ער אליין האט דאך שוין דעמאלט'ס אויך געטייל'ט עסן פאר אלע הונגעריגע מצריים וואס האבן געהונגער'ט דאך דעמאלט'ס פאר א שטיקל ברויט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת מקץ (קפיטל מ"א פסוק נ"ו), אז: "וַיִּפְתַּח יוֹסֵף" – אז יוסף הצדיק האט דאך שוין דעמאלט'ס אליין גע'עפענט: "אֶת כָּל אֲשֶׁר בָּהֶם" – אלע זיינע אוצרות, און: "וַיִּשְׁבֹּר לְמִצְרַיִם" – און ער האט דאך דעמאלט'ס "געשפייזט" גאנץ מצרים, און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך ווייטער אין דעם פסוק דארטן אין פרשת מקץ (קפיטל מ"ב פסוק ו'), אז: וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ "הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ".

און ממילא לויט דעם איז דאך געווען אום מעגליך אז דער "נייע קעניג" זאל נישט האבן געהערט פון "יוסף הצדיק" און פון זיינע פעולות וואס ער האט דארטן אויף געטוהן אין דעם לאנד "מצרים", ווייל אנטשולדיגט מיר הער נייע קעניג פרעה, אבער דו ווייסט דאך שוין זיכער גאנץ גוט אז "יוסף הצדיק" האט דאך געהאט אפ געראטעוועט דעם גאנצן לאנד "מצרים" אויף וואס דו קעניגס'ט יעצט אויף דעם, און ממילא דער "נייע קעניג" פרעה וואלט דאך שוין זיכער געדארפט וויסן ווער "יוסף הצדיק" איז געווען, ווייל דו ווייסט דאך שוין זיכער גאנץ גוט הער נייע קעניג פרעה, אז "יוסף הצדיק" האט דאך געהאט אפ געראטעוועט דעם גאנצן לאנד "מצרים" אויף וואס דו קעניגס'ט יעצט אויף דעם.

און בכלל.. דארף מען דאך וויסן, אז די גאנצע "וועלט" האט דאך שוין געהאט גערעדט פון "יוסף הצדיק" בשעתו, ווייל "יוסף הצדיק" האט דאך שוין געהאט געמאכט אזא גרויסן "דורך בראך" אין די גאנצע וועלט מיט דעם וואס ער האט באוויזן ארויס צו גיין פון דעם נידריג'ן שמוציג'ן "תפיסה" ביז צום הויעכ'ן "כסא מלוכה" אין איין רגע, און פון איין מינוט אויפן צווייטן איז ער דאך געווארן דער גרעסט'ער מענטש איבער'ן גאנצן לאנד "מצרים", און פרעה האט דאך איהם שוין דעמאלט'ס אויך געהאט געזאגט קלארערהייט, אז: "אַתָּה תִּהְיֶה עַל בֵּיתִי וְעַל פִּיךָ יִשַּׁק כָּל עַמִּי", און אז: "רַק הַכִּסֵּא אֶגְדַּל מִמֶּךָּ", און: "וַיָּסַר פַּרְעֹה אֶת טַבַּעְתּוֹ מֵעַל יָדוֹ וַיִּתֵּן אֹתָהּ עַל יַד יוֹסֵף וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ בִּגְדֵי שֵׁשׁ וַיָּשֶׂם רְבִד הַזָּהָב עַל צַוָּארוֹ", און: "וַיַּרְכֵּב אֹתוֹ בְּמִרְכֶּבֶת הַמִּשְׁנֶה אֲשֶׁר לוֹ וַיִּקְרְאוּ לְפָנָיו אַבְרֵךְ וְנָתוֹן אֹתוֹ עַל כָּל אֶרֶץ מִצְרָיִם", און: "וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל יוֹסֵף אֲנִי פַרְעֹה וּבִלְעָדֶיךָ לֹא יָרִים אִישׁ אֶת יָדוֹ וְאֶת רַגְלוֹ בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם".

און ממילא וועגן דעם מוזן מיר דאך דא על כרחך צו קומען צו דעם פשט פון "רש"י" הק', אז עס איז דאך פשוט געווען דא: "עשה עצמו כאילו לא ידע" – אז דער פרעה האט זיך דאך דא פשוט געמאכט "כאילו" ער האט קיינמאל נישט געקענט אזא מענטש מיטן נאמען "יוסף הצדיק", איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל ער האט דאך איהם נישט געוואלט קענען..! ווייל די: "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב" האט דאך געברענט אין איהם, און דער נייע פרעה [כמשמעותו] האט דאך שוין טאקע פארמאגט א אמת'ע: "שִׂנְאָה" צו די "יודישע קינדער", אזוי ווי א אמת'ע כשר'ע געזונט'ע "גוי" וואס האט פיינט א "יוד".

און ממילא דאס וויל אונז דא דער הייליגער תורה הק' קלאר מאכן איידער מיר הייבן אָן צו לערנען וועגן די שווערע ביטער'ע: "גָלוּת מִצְרַיִם", ווייל דער הייליגער תורה הק' וויל דאך אונז דא קלאר מאכן איידער מיר הייבן אָן צו לערנען וועגן די שווערע ביטער'ע: "גָלוּת מִצְרַיִם", אז מיר זאלן אלע גוט געדענקען, אז די שטארקע: "קושי השעבוד" וואס די מצריים האבן דא "געפייניגט" און "געשלאגן" און "געהארגע'ט" די יודישע קינדער אין דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת מִצְרַיִם" איז דאך נאר געקומען פון דעם איין זאך וואס רופט זיך: "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב":

וַיֹּאמֶר אֶל עַמּוֹ הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ.. הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ וגו': פרעה האט דאך דא געזאגט צו זיין פאלק אזוי, אז די יודישע קינדער זענען דאך נישט אזוי ווי אונז גוים וואס זענען צו שפרייט אויף די גאנצע וועלט און א יעדער איינער טוט זיך ווי אזוי ער פארשטייט, נאר די יודישע קינדער האבן דאך א:

"רַב" – די יודישע קינדער האבן דאך א "פירער", און די יודישע קינדער פארמאגן דאך א: "מוֹרֶה דֶּרֶךְ" וואס ווייזט דאך זיי שטענדיג וואס צו טוהן אין א יעדע צייט, און ענק ווייסן טייערע מצריים..?! געבט'ס נאר א קוק: "הִנֵּה" – געבט'ס נאר א קוק אויף: "עַם" בְּנֵי יִשְׂרָאֵל – געבט'ס נאר א קוק אויף די: "פְּשׁוּטֵי עַם" פון די יודישע קינדער, ווייל אפילו די: "פְּשׁוּטֵי עַם" פון די יודישע קינדער זענען דאך אויך שטערקער פון אונז, און דו ווייסט פארוואס די: "פְּשׁוּטֵי עַם" פון די יודישע קינדער זענען אויך שטערקער פון אונז..?! ווייל די יודישע קינדער פארמאגן דאך אזא זאך וואס הייסט א: "רַב" – ווייל די יודישע קינדער פארמאגן דאך אזא זאך וואס הייסט א "פירער", און די יודישע קינדער פארמאגן דאך א זאך וואס הייסט א: "מוֹרֶה דֶּרֶךְ" וואס ווייזט דאך זיי שטענדיג דעם וועג ווי אזוי זיך צו פירן.

אבער מיר "גוים" פארמאגן דאך דאס נישט, און טראץ דעם וואס מיר פארמאגן א זאך וואס הייסט א "קעניג", איז דאס אבער נאך אלץ גארנישט ווערד, ווייל א "קעניג" לערנט דאך נישט אויס פאר די מענטשן אין זיין לאנד וואס צו טוהן אין זייער טאג טעגליכ'ן לעבן, נאר א "קעניג" איז דאך אין אמת'ן א פשוט'ע נידריגע מענטש וואס קעניג'ט אויף זיין לאנד און פארטיג, און דאס איז עס, און ביי דעם האט זיך עס גע'ענדיגט.

אבער די "יודישע קינדער"..?! די "יודישע קינדער" האבן דאך א: "רַב" – די "יודישע קינדער" האבן דאך איינער וואס לערנט דאך זיי אויס כסדר ווי אזוי מען דארף זיך אויף פירן אין דעם טאג טעגליכ'ן לעבן, און וויבאלד די יודישע קינדער האבן א: "רַב", ממילא וועגן דעם זענען זיי: "וְעָצוּם מִמֶּנּוּ" – ממילא וועגן דעם זענען זיי שטערקער פון אונז, ווייל זיי פירן זיך דאך אויף אסאך אסאך בעסער ווי אונז גוים, ווייל ביי אונז גוים קען מען דאך שטענדיג טוהן וואס מען וויל, אבער ביי זיי איז דאך דא "הלכות" ווי אזוי מען דארף זיך פירן, און ביי זיי איז דאך דא "הלכות" וואס מען מעג "יא" טוהן און וואס מען מעג "נישט" טוהן, און ווי לאנג די יודישע קינדער פארמאגן א: "מוֹרֶה דֶּרֶךְ" וואס הייסט זיי וואס צו טוהן, און זיי פארמאגן איינער וואס איז זיי שטענדיג "מחזק" אין עבודת השם יתברך, זענען מיר דאך אלע פארלוירן, און מיר וועלן דאך זיי קיינמאל נישט קענען ביי קומען אזוי.

ווייל די יודישע קינדער פירן זיך דאך אויף אסאך אסאך בעסער ווי אונז גוים, ווייל ביי אונז גוים קען מען דאך טוהן וואס מען וויל, אבער ביי זיי איז דאך דא הלכות וואס מען מעג יא טוהן און וואס מען מעג נישט טוהן, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די יודישע קינדער זענען דאך בעצם אסאך אסאך "קלוגער" ווי אונז, ווייל מען "לערנט" דאך זיי שטענדיג אויס ווי אזוי זיך צו פירן איידל און שיין, און מען גרייט דאך זיי שוין אָן שוין פון קינד'ווייז אָן ווי אזוי זיך צו פירן.

און בכלל.. די יודישע קינדער טוען דאך אלע זייערע זאכן מיט: "ישוב הדעת", און מיט א "הכנה" פון פריער, און זיי ווייסן דאך שוין פון פאר דעם קלאר וואס זיי גייען דא טוהן, און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די יודישע קינדער זענען דאך טאקע באמת "קלוגע" מענטשן, ווייל זיי טוען דאך א יעדע זאך מיט א מורא'דיגע: "ישוב הדעת", און זיי מאכן דאך אלע א: "הכנה" פאר א יעדע זאך וואס טוען דארטן פאר זייער הייליגער באשעפער, און מיר וועלן דאך זיי קיינמאל נישט קענען ביי קומען אזוי.

און ממילא די יודישע קינדער זענען דאך בעצם אסאך אסאך "קלוגער" ווי אונז, ווייל מען לערנט דאך זיי שוין אויס פון קינד'ווייז אָן ווי אזוי זיך צו פירן איידל און שיין, און ממילא וועגן דעם האט דא פרעה געזאגט פאר זיינע שרים, אז: "הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ" – אז לאמיר פראבירן איבער צו קלוג'ן די יודישע קינדער, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז די יודישע קינדער האבן דאך א: "רַב" וואס פירט דאך זיי שטענדיג אויפן ריכטיג'ן וועג, און צוזאמען מיט דעם: "רַב" מאכן זיי דאך שטענדיג "הכנות" פאר א יעדע מצוה און פאר א יעדע יום טוב, און אזוי אויך זענען זיי זיך דאך אויך שטענדיג מחזק אינאיינעם צוזאמען מיט דעם: "רַב" וואס פירט זיי אין א יעדע צייט פון נויט, און ממילא וועגן דעם האט דא פרעה געזאגט פאר זיינע מענטשן, אז: "הָבָה" נִתְחַכְּמָה לוֹ – אז לאמיר זיך איבער קלוג'ן איבער די יודן, און

רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע דא אויך אויפן פלאץ, אז: "כל הבה לשון הכנה והזמנה הוא" – אז אין א יעדע פלאץ וואו עס שטייט דעם לשון: "הָבָה" מיינט דאך דאס א לשון פון אָן גרייטן אנדערע מענטשן צו א געוויסע זאך.

און ממילא וועגן דעם האט דא פרעה געזאגט פאר זיינע מענטשן, אז לאמיר אויך טוהן וואס די "יודישע קינדער" טוען, און לאמיר אויך אָן גרייטן אונזערע מענטשן פון פריער אזוי ווי די יודישע קינדער וואס גרייטן דאך שטענדיג אָן זייערע מענטשן פון פריער, און לאמיר אויך אָן גרייטן אונזערע מענטשן צו "מלחמה" אזוי ווי די יודישע קינדער גרייטן שטענדיג אָן זייערע מענטשן פון פריער, און לאמיר אויך טוהן אזוי ווי די יודישע קינדער טוען, ווייל קוק נאר אהער, די יודישע קינדער זענען דאך למעשה "מצליח" מיט זייער וועג פון "הכנה והזמנה", און ממילא וועגן דעם האט דא פרעה געזאגט פאר זיינע שרים, אז לאמיר אויך טוהן וואס די יודישע קינדער טוען, און לאמיר אויך "אָן גרייטן" אונזערע מענטשן צו מלחמה, אזוי ווי די יודישע קינדער גרייטן שטענדיג אָן זייערע מענטשן צו א יעדע זאך.

ווייל יא טייערע יודן, אפילו דער נידריגער רשע "פרעה הרשע" האט דאך שוין דא אויך קלאר איין געזעהן אז די שטערקסט'ע זאך וואס קען נאר האלטן א "חבורה" אינאיינעם איז, ווען מען פארמאגט א: "רַב" – ווען מען פארמאגט א: "מוֹרֶה דֶּרֶךְ" וואס פירט זיינע מענטשן אויפן ריכטיג'ן וועג און ער שטאפט זיי שטענדיג אָן מיט "דרשות להכנה" און מיט אסאך אסאך "חיזוק והדרכות בעבודת השם יתברך", ווייל דאס איז דאך די שטערקסט'ע שטריק וואס בינדט צוזאם א "חבורה" פון מענטשן צוזאמען.

און פון דעם קענען מיר זיך דאך טאקע אלע ארויס לערנען א מורא'דיגע זאך, ווייל פון דעם קענען מיר זיך דאך טאקע אלע ארויס לערנען, אז "חבורות" וואס ווערן געמאכט פארן מקיים זיין א "מצוה", איז דאך די שטערקסט'ע "חיזוק" פאר א מענטש, ווייל מען זעהט דאך שוין דא קלאר, אז פרעה הרשע האט דאך שוין דא קלאר געזאגט פאר זיינע מענטשן, אז: "הָבָה" נִתְחַכְּמָה לוֹ – אז לאמיר איבער קלוג'ן די יודישע קינדער דורך דעם ענין פון: "הכנה והזמנה לדבר" – אז לאמיר איבער קלוג'ן די יודישע קינדער דורך דעם ענין פון "זיך צו גרייטן" צו א זאך, ווייל אויב די יודישע קינדער וועלן מאכן צו פיל אזעלכע "חבורות" מיט זייער: "מוֹרֶה דֶּרֶךְ", דעמאלט'ס האב איך דאך שוין גאר שטארק מורא, אז: "פֶּן יִרְבֶּה" – אז עס וועט נתרבה ווערן: "כְּבוֹד שָׁמַיִם" אויף דער וועלט, און ממילא וועגן דעם האט דא פרעה געזאגט פאר זיינע שרים, אז.. ניין, דאס וויל איך דאך נישט, בשום אין פנים ואופן וויל איך נישט אז עס זאל נתרבה ווערן: "כְּבוֹד שָׁמַיִם" אויף דער וועלט, און ממילא: "הָבָה" נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן יִרְבֶּה וגו'.

אבער מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט וואס חז"ל זאגן דאך אונז שוין דא קלאר, אז דער רשע פרעה הרשע האט דאך טאקע דא אויס געשריגן פאר זיינע טמא'נע מצריים, אז איך האב דאך שוין גאר שטארק מורא אז: "פֶּן" יִרְבֶּה – אז איך האב דאך שוין גאר שטארק מורא אז עס וועט נתרבה ווערן: "כְּבוֹד שָׁמַיִם" אויף דער וועלט, אבער די: "רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מִן הַשָּׁמַיִם" האט דאך דא אויס גערופן הויעך, אז: "כֵּן" יִרְבֶּה – אז עס וועט דאך אוודאי זיכער "יא" ווייטער נתרבה ווערן: "כְּבוֹד שָׁמַיִם" אויף דער וועלט.

און ממילא וואס קומסטו מיר דא אהער מיט דיינע נאריש'ע: "חָכְמוֹת", מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז נאר: "פִּי צַדִּיק" יֶהְגֶּה חָכְמָה", אבער א פראסט'ער נידריג'ער "גוי" ווי פרעה..?! א פראסט'ער נידריג'ער "גוי" ווי פרעה איז דאך א: "גּוֹי אֹבַד עֵצוֹת", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת האזינו (קפיטל ל"ב פסוק כ"ח), אז: "כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה", און: "לוּ חָכְמוּ" – און ווען זיי וואלטן טאקע באמת געווען "קלוג", דעמאלט'ס: "יַשְׂכִּילוּ זֹאת יָבִינוּ לְאַחֲרִיתָם" – דעמאלט'ס וואלטן זיי דאך שוין דעמאלט'ס פארשטאנען און געכאפט וואס עס גייט דאך למעשה זיין מיט זיי: "בְּאַחֲרִית הַיָּמִים" ווען משיח וועט קומען.

און אויף דעם גרויסן רשע "פרעה הרשע" צוזאמען מיט זיינע אלע שלעכטע "עצה געבער" קען מען דאך טאקע באמת ליינען דעם פסוק וואס ירמיה הנביא ברענגט דאך שוין אראפ אין זיין הייליגן ספר ירמיה הנביא (קפיטל ד' פסוק כ"ב), אז: "חֲכָמִים הֵמָּה לְהָרַע וּלְהֵיטִיב לֹא יָדָעוּ", און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך, אז: "רֵאשִׁית חָכְמָה" איז דאך: "יִרְאַת יהו-ה", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין איוב (קפיטל כ"ח פסוק כ"ח), אז: "הֵן יִרְאַת אדנ-י הִיא חָכְמָה", און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין פסוק אין משלי (קפיטל א' פסוק ז'), אז: "יִרְאַת יהו-ה רֵאשִׁית דָּעַת", און עס שטייט דאך שוין טאקע אויך בפירוש אין פסוק אין משלי (קפיטל ט' פסוק י'), אז: "תְּחִלַּת חָכְמָה" איז דאך: "יִרְאַת יהו-ה", און אויב עס איז נישט דא קיין: "יִרְאַת יהו-ה", דעמאלט'ס קען דאך ניט אמאל אָן קומען קיין אמת'ע: "חָכְמָה" צו א מענטש.

און די אמת איז דאך, אז ביי דעם גרויסן רשע "פרעה הרשע" און ביי זיינע אלע שלעכטע "עצה געבער" און ביי זיינע אלע שלעכטע "מצריים" איז דאך טאקע שפעטער מקיום געווארן [ביים ים סוף] דעם פסוק וואס דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע":

וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי מַכֶּה אִישׁ עִבְרִי מֵאֶחָיו: ווען משה רבינו איז גרויס געווארן, דעמאלט'ס איז ער ארויס געגאנגען זעהן וואס טוט זיך מיט זיינע יודישע ברודער'ס וואס ארבעטן אזוי שווער אין דעם לאנד מצרים, און די מפרשים זאגן שוין, אז גלייך ווען משה רבינו איז גרויס געווארן און ער האט געהאט די ערשטע געלעגענהייט ארויס צו גיין פון פרעה'ס פאלאץ, דעמאלט'ס איז ער גלייך ארויס געגאנגען זעהן וואס טוט זיך מיט זיינע יודישע ברודער'ס וואס ארבעטן נעבעך אזוי שווער אין דעם לאנד מצרים.

און די מפרשים זאגן טאקע, אז די ווערטער: "וַיַּרְא" בְּסִבְלֹתָם מיינט, אז ער האט מיט געשפירט די צער פון די יודישע קינדער אין מצרים, און ממילא זאגט אונז דער הייליגער תורה הק', אז דו ווייסט מיט וואס: "וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה" – דו ווייסט מיט וואס איז משה רבינו גרויס געווארן..?! און דו ווייסט וואס איז געווען די גדולה פון משה רבינו..?! ער איז גרויס געווארן מיט דעם וואס: "וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם" – מיט דעם וואס ער איז ארויס געגאנגען העלפן זיינע יודישע ברודער, און מיט דעם וואס ער האט מיט געשפירט די צער פון זיינע פאר ווייטאגט'ע יודישע ברודער אין מצרים.

ווייל.. יא, מיט דעם ווערט מען גרויס..! ווען מען גייט ארויס פון דעם איך, מיך, זיך, און מען גייט העלפן יענעם, דאס איז: "וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה" – מיט דעם איז די גרויסע משה רבינו גרויס געווארן.

און עס איז כדי אָן צו מערקן, אז עס ווערט נישט דערמאנט קיין איין מאל אין די גאנצע תורה א לשון פון: "וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה" – אז משה רבינו איז גרויס געווארן, נאר ווען: "וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו" – ווען ער איז ארויס געגאנגען צו זיינע יודישע ברודער, און מיט געשפירט די צער פון די יודישע קינדער אין מצרים, אזוי ווי רש"י הק' זאגט שוין, אז: "נתן עיניו וליבו להיות מיצר עליהם" – אז משה רבינו האט געגעבן זיין אויג מיט זיין הארץ מיט צו שפירן דעם צער וואס די יודישע קינדער גייען נעבעך א דורך.

און דאס איז טאקע די צוויי זאכן וואס דער אייבערשטער וויל אז א יוד זאל איהם געבן: 1) דעם אויג, 2) דעם הארץ, ווייל דער אייבערשטער זאגט פאר יוד, אז ווען דו הערסט אז א צווייטע יוד האט א צרה, דעמאלט'ס זיץ נישט מייט קיין פאר לייגט'ע הענט, נאר געב א דריי מיט דיין אויג, און געב א קוק אריין אין דעם פרשה, און זעה אויב דו קענסט איהם ארויס העלפן מיט עפעס, און אפילו ווען דו זעהס'ט אז דו קענסט איהם נישט העלפן, שפיר כאטשיג מיט צוזאמען מיט דעם יוד וואס איז נעבעך בצער, ווייל דאס מאכט גרויס א מענטש, א מענטש ווערט גרויס ווען ער גייט ארויס א טריט פאר יענעם, און נישט דורך דעם וואס ער בויעט זיך אויף שיינע בנינים, נאר דורך דעם וואס ער גייט ארויס פון זיין וועג פאר א צווייטן.

און עס שטייט טאקע אין חז"ל, אז משה רבינו האט דאך: "בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ" איבער גענומען דעם הַאק פון די הענט פון די יודישע קינדער, און גע'ארבעט אנשטאדט זיי א עבודת פרך אין די צייט וואס ער איז דאך אפילו נישט געווען מחיוב דאס צו טוהן, ווייל ער איז דאך געזעצן אויפן שויס פון דעם קעניג פון מצרים אלע זיינע יארן, און ער איז דאך ממש געווען א ריכטיגע פרינץ – א ריכטיגע: "בֶּן מֶלֶךְ", אבער מיט דעם אלעמען.. האט ער אבער נאך אלץ איבער גענומען: "בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ" די ארבעט פון די יודישע קינדער, און דאס ארויף געלייגט אויף זיך, ווייל ער האט זיך באמת משתתף געווען אין זייער צער, און ער האט באמת מיט געשפירט די צער פון די יודישע קינדער.

און טאקע וועגן דעם האט איהם דער הייליגער באשעפער טאקע אויס געקליבן צו זיין דער: "רועה נאמן" – דער געטרייע פאסטעך פון גאנץ כלל ישראל, ווייל אזא איינער וואס גייט ארויס פון זיין "איך מיך זיך" פאר א צווייטן.. ער איז באמת פאסיג צו זיין דער: "רועה נאמן" פאר אזא גרויסע סטאדע ווי כלל ישראל, און אזא איינער איז טאקע באמת ראוי צו ווערן דער: "גּוֹאֵל יִשְׂרָאֵל" וואס וועט אויס לייזן גאנץ כלל ישראל פון זייער שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת מִצְרַיִם":

וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ.. וַיֹּאמֶר מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה אֹמֵר כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּירָא מֹשֶׁה וַיֹּאמַר אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר: אפילו משה רבינו האט געהאלטן אז דער שלעגער איז א רשע, איז ער אבער נאך אלץ נישט צו געלאפן צו איהם, און אָן געהויבן צו שרייען אויף דער שלעגער.. פארוואס שלאגסטו דיין חבר..! ניין.. נאר משה רבינו האט זיך אָן גערופן ווייעכערהייט צו דעם רשע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "וַיֹּאמֶר" לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ – אז משה רבינו האט געזאגט "באמירה רכה" פאר דעם רשע, אז פארוואס שלאגסטו דיין חבר..?! און משה רבינו האט נישט אויף געהויבן זיין קול צו שרייען אויף דער שלעגער, ווייל חז"ל זאגן אונז דאך, אז: "דברי חכמים בנחת נשמעים" – אז די ווערטער פון א קלוגע מענטש ווערט נאר אויס געהערט ווען מען רעדט דאס איידל און שיין, און ממילא האט משה רבינו האט געוואלט זעהן דא, וואס גייט געשעהן אויב איך וועל צו גיין צו דער שלעגער רואיגערהייט, און איהם שיין פרעגן, פארוואס שלאגסטו דיין חבר..?! אפשר וועט ער זיך בארואיגן דורך דעם.

און ממילא וועגן דעם האט משה רבינו קודם פראבירט צו רעדן שיין, און: "וַיֹּאמֶר" לָרָשָׁע – און ער האט זיך אָן גערופן צו דעם רשע מיט א ווייעכע שפראך, און געפרעגט: "לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ" – פארוואס שלאגסטו דיין חבר..?! אבער ווען משה רבינו האט געהערט ווי דער שלעגער ענטפערט איהם צוריק מיט חוצפה, אז: "מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ" וגו' – אז ווער האט דיר געשטעלט פאר א שר אדער א שופט אויף אונז, און אפשר קלערסטו אונז נאך אפילו צו הארגע'נען אזוי ווי דו האסט געהארגע'ט נעכטן דער מצרי, ניין.. אונז גייען דיר שוין פאר מסר'ן פאר פרעה אז דו האסט נעכטן געהארגע'ט א מצרי, ממילא האט שוין משה רבינו געזעהן דעמאלט'ס, אז מען האט דא צו טוהן מיט אזעלכע מענטשן וואס זענען כל כולו "רע" – שלעכטע מענטשן, און רש"י הק' באנוצט זיך טאקע אויך מיט דעם לשון, און ער זאגט, אז די כוונת הפסוק איז: "רשע כמותך" – אז זייביידע זענען געווען די זעלבע גרויס אין "רשעות".

און פון וואו זעה איך דאס טאקע אין דעם פסוק..?! די תירוץ אויף דעם איז זייער פשוט, ווייל משה רבינו האט דאך זיי גארנישט געטוהן, נאר ער האט זיי סך הכל געפרעגט שיינערהייט: "לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ" – פארוואס שלאגסטו דיין חבר..?! און אין אנדערע ווערטער מיינט דאס צו זאגן, וואס גייט דא פָּאר..?! יעצט לאמיר צוזאמען אריין טראכטן, וואס וואלט געווען די ערגסטע ענטפער וואס א מענטש וואלט געקענט ענטפער'ן ביי אזא פאל..?! ער וואלט געקענט זאגן, גיי אוועק פון דא..! קיינער האט דיר נישט געפרעגט..! אדער מיש זיך נישט אריין..! אדער מיש זיך ארויס פון דא..! אדער דו דארפס'ט נישט אלעס וויסן..!

אבער נישט מער און נישט ווייניגער.. באקומט משה רבינו צוריק אויפן פלאץ די ערגסטע ענטפער וואס מען קען זיך נאר חלומ'ן, אז: "מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ" וגו' – אז ווער האט דיר געשטעלט פאר א שר אדער א שופט אויף אונז.. אונז גייען דיר שוין פאר מסר'ן פאר פרעה אז דו האסט נעכטן געהארגע'ט א מצרי, דא.. האט שוין משה רבינו געטראכט צו זיך, אז וואס איז דאס..?! ווייל איך האב ענק געפרעגט שיינערהייט: "לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ".. דארפן ענק מיר וועגן דעם גיין פאר מסר'ן פאר פרעה..?!

דא.. האט שוין משה רבינו געזאגט, אז יעצט פארשטיי איך שוין ווער ענק זענען, ענק זענען די צוויי גרעסטע רשעים פון דעם דור, ווייל עס שטייט דאך אין די ספרים הק' אז אויב מען וויל וויסן ווער א מענטש איז, דעמאלט'ס זאל מען קוקען אויף זיין מויל – ווי אזוי ער רעדט, און וויבאלד משה רבינו האט געזעהן אז דתן ואבירם רעדן מיט פיל חוצפה, ממילא האט ער זיך אָן גערופן און געזאגט, אז: "אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר" – אז יעצט פארשטיי איך שוין די גאנצע זאך, און איך זעה שוין יעצט איין אז ענק ביידע זענען כל כולו "רע" – שלעכטע מענטשן, ווייל וואס האב איך ענק שוין געטוהן אז ענק דארפן מיר וועגן דעם גיין מסר'ן פארן קעניג..?!

און עס שטייט טאקע פון פריער'דיגע צדיקים אז א מענטש וואס שרייט כסדר אויף אנדערע מענטשן, און ער רעגט זיך אויף כסדר אויף אנדערע מענטשן, דעמאלט'ס איז א סימן, אז ער איז נישט קיין ערליכע יוד, ווייל אויב א מענטש איז נישט קיין ערליכע יוד, דעמאלט'ס שרייט ער אָן אנדערע מענטשן ארום זיך, און ממילא וויבאלד ענק האבן אָן געשריגן א מענטש וואס האט ענק בכלל נישט שלעכטס געטוהן, און נישט סתם אָן געשריגן.. נאר ענק ווילן איהם נאך אפילו גיין פאר מסר'ן אויך..?! דאס איז שוין געפערליך, און ממילא האט משה רבינו געזאגט, אז יעצט ווייס איך שוין ווער ענק זענען, און: "אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר" – און יעצט ווייס איך שוין ווער ענק זענען.

און די ווערטער: "**וַיֹּאמַר אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר**" – איז דאך טאקע סופי תיבות: "נֵר רַע", ווייל איינמאל זיי האבן איהם שוין געזאגט אז זיי גייען איהם גיין פאר מסר'ן פארן קעניג, דעמאלט'ס האט שוין משה רבינו איין געזעהן, אז זיי זענען שוין אזוי שלעכט.. אז זיי האבן שוין געשטארקט זייער שלעכט'ס איבער זייער נשמה וואס איז טוב, און זיי נוצן אויס זייער נשמה פאר שלעכט'ס.

אדער קען מען טייטש'ן נאך א פשט, אז אין די ערשטע טאג וואס משה רבינו איז ארויס געגאנגען, און ער האט געזעהן ווי א מצרי שלאגט א יוד, און ממילא האט ער זיך נישט אזוי שטארק דערשראקן, ווייל ער האט פארשטאנען, אז.. וואס קען מען טוהן..?! דאס איז א חלק פון דעם שעבוד פון דעם: "גָלוּת מִצְרַיִם", און דער אייבערשטער וועט נאך זיכער העלפן די יודישע קינדער, און זיי וועלן אויס געלייזט ווערן פון דעם ביטער'ן: "גָלוּת מִצְרַיִם", אבער ווען משה רבינו איז ארויס געגאנגען דעם צווייטן טאג, און ער האט געזעהן, ווי: וְהִנֵּה שְׁנֵי אֲנָשִׁים "עִבְרִים" נִצִּים – ווי צוויי יודן שלאגן זיך ארום צווישן זיך, דא.. האט זיך שוין משה רבינו זייער דערשראקן, און: "וַיִּירָא מֹשֶׁה" – און משה רבינו האט געכאפט א פחד, ווייל ער האט געוואוסט קלאר, אז ווען עס איז דא שנאת חינם, דעמאלט'ס קענען דאך די יודישע קינדער נישט אויס געלייזט ווערן פון דעם ביטער'ן גלות, און ממילא האט משה רבינו געטראכט מיט גרויס צער, אז פארוואס זאלן אלע יודישע קינדער דארפן ליידן ווייל עס איז דא אזעלכע צוויי רשעים וואס שלאגן זיך ארום..?!

אבער נאך דעם האט ער זיך אביסל בארואיגט, און: "**וַיֹּאמַר אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר**" – וואס די ווערטער איז דאך סופי תיבות: "נֵר רַע", דאס מיינט צו זאגן, אז זיי זענען פשוט שלעכטע מענטשן וואס נוצן אויס זייער הייליגע נשמה פאר שלעכט'ס, און דאס וואס זיי פאר שמירן זייער הייליגע נשמה טוען זיין במזיד, און ממילא האט שוין משה רבינו פארשטאנען, אז עס מוז זיין אז די צוויי רשעים זענען פשוט פון די: "יושבי קרנות" פון כלל ישראל, און משה רבינו האט געזעהן מיט רוח הקודש, אז מען וועט זיך בכלל נישט רעכענען מיט זיי ווען עס וועט קומען די צייט ארויס צו גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת מִצְרַיִם":

וַתֹּאמַרְןָ אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ מִיַּד הָרֹעִים וְגַם דָּלֹה דָלָה לָנוּ וַיַּשְׁקְ אֶת הַצֹּאן: לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, אז פארוואס האבן די טעכטער פון יתרו געזאגט פאר זייער טאטן אז: אִישׁ "מִצְרִי" הִצִּילָנוּ, משה רבינו איז דען געווען א: "אִישׁ מִצְרִי"..?! ער איז דאך געווען א יוד..?! נאר די תירוץ איז, ווייל מיר ווייסן דאך אלע, אז יתרו האט זיך דאך באמת געוואלט מגייר זיין, און ווערן א אמת'ע ערליכע יוד, ווייל ער האט דאך שוין געהאט אויס פראבירט אלע עבודה זרה'ס אויף דער גאנצע וועלט, אזוי ווי עס ווערט שוין געברענגט אין די ספרים הק', און ממילא האבן זיינע טעכטער זיך אָן גערופן צו איהם, און געזאגט, אז: "אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ", און זיי האבן געמיינט צו זאגן מיט דעם פאר זייער טאטן אז: "אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ" – אז די מעשה פון משה רבינו וואס ער האט געהארגע'ט דעם מצרי.. דאס האט אונז געראטעוועט פון די פאסטעכעראון זיי האבן מסביר געווען דעם גאנצן חשבן פאר זייער טאטן, און זיי האבן איהם געזאגט אזוי.

אז די סיבה פארוואס אונז זאגן דיר אז: "אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ" – אז די מעשה פון משה רבינו וואס האט געהארגע'ט דעם מצרי.. האט אונז היינט געראטעוועט איז, ווייל וויבאלד משה רבינו האט געהארגע'ט דעם מצרי יענעם און יענעם טאג, האט מען איהם א טאג נאך דעם גע'מסר'ט פאר פרעה, און פרעה האט איהם געוואלט הארגע'נען וועגן דעם, און וויבאלד פרעה האט איהם געוואלט הארגע'נען, האט ער געמוזט אנטלויפן קיין מדין, און ווען ער איז אָן געקומען קיין מדין, האט ער אונז געראטעוועט פון די פאסטעכער, און ממילא האבן די טעכטער פון יתרו געוויזן פאר זיין טאטן, און געזאגט, קוק אהער טאטע, קוק וואס דאס מיינט "השגחה פרטיות" – ווי דער אייבערשטער פירט זיך זיין וועלט'ל, ווייל קודם האט ער געמאכט אז משה רבינו זאל הארגע'נען דעם מצרי, און נאך דעם האט ער געמאכט אז מען זאל איהם פאר מסר'ן פאר דעם קעניג פון מצרים, און ער האט טאקע שפעטער געמוזט אנטלויפן וועגן דעם, און סוף כל סוף איז אויס געקומען פון די גאנצע מעשה.. אז ער האט אונז געראטעוועט.

און ווען יתרו האט געהערט אז משה רבינו איז אהער געקומען דורך א גאנצע וועג פון השגחה פרטיות.. האט יתרו געפרעגט זיינע טעכטער, נו.. עטץ דערציילט'ס זייער א שיינע מעשה'לע, אבער: "וְאַיּוֹ" – וואו האט עטץ איבער געלאזט אזא איינער וואס ווערט געפירט מיט השגחה פרטיות בכל רגע ורגע..?! "לָמָּה זֶּה עֲזַבְתֶּן אֶת הָאִישׁ" – פארוואס האט עטץ איבער געלאזט אזא מענטש..?! עס וואלט מיר געווען זייער אינטרעסאנט זיך צו טרעפן מיט איהם, ווייל איך וויל דאך שוין לאנג הערן וועגן דער גרויסער יודישע גאט, און ממילא פארוואס האט עטץ איהם נישט אהיים געברענגט מיט ענק צוזאמען..?! און חוץ פון דעם.. [פרעג איך אייך], א גאסט וואס האט אייך אזוי שטארק געהאלפן לאזט עטץ איבער ביי דעם ברינעם..?! עס איז דאך נישט שיין..?!

און ממילא האט זיי יתרו געזאגט, גייט'ס צוריק, און רופט'ס איהם אהער דא, ווייל אזא מענטש קען מיר גאר אסאך צו נוץ קומען אין כמה וכמה ענינים, און זיינע טעכטער זענען טאקע צוריק געגאנגען צום דעם ברינעם, און איהם געברענגט פאר זייער טאטן יתרו, און סוף כל סוף.. האט זיך טאקע יתרו שפעטער מגייר געווען, און געווארן א חלק פון: "כְּלַל יִשְׂרָאֵל":

וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים: לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל עס איז דאך שוין געשטאנען פריער אין די פסוקים אז דער אייבערשטער האט געהערט די ווי געשריי פון די יודישע קינדער, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין די וואכעדיגע פרשה אין פרשת שמות (קפיטל ב' פסוק כ"ג), אז: "וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה" – אז עס איז ארויף געגאנגען די ווי געשריי פון די יודישע קינדער צום הייליגן באשעפער, און דער אייבערשטער האט טאקע דעמאלט'ס געדענקט זיין בונד וואס ער האט געהאט געמאכט מיט אונזערע הייליגע אבות הק', אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין דעם פסוק פריער אז: "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ אֶת אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק וְאֶת יַעֲקֹב".

און ממילא פארוואס דארף דא די פסוק נאך אמאל איבער זאגן אז: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים" – און ממילא פארוואס דארף דא די פסוק נאך אמאל איבער זאגן אז דער אייבערשטער האט געזעהן די מצב פון די יודישע קינדער, און אז ער האט געדענקט זיין בונד, עס איז דאך שוין געשטאנען פריער אין דעם פסוק אז דער אייבערשטער האט געדענקט זיין בונד וואס ער האט געמאכט מיט אונזערע הייליגע אבות הק'..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די פשט פון דעם איז, אז די גאנצע פאסירונג דא איז דאך אין אמת'ן בכלל נישט עפעס א מעשה וואס האט "אמאל" פאסירט, נאר די פסוק פון: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים" האט גאר גאר א לאנגע המשכה, ווייל דאס שניידט דאך א דורך אלע שווערע גלות'ן פון די יודישע קינדער, און דאס ציט זיך און ציט זיך: "עד היום הזה", און דאס גייט דאך אויף אָן היינטיגע צייטן אויך, ווייל דער אייבערשטער זאגט דאך שטענדיג פאר א יודיש קינד וואס געפונט זיך אין זיין ביטער'ע "גלות הפרטי", אז וויסן זאלסטו ר' יוד, אז איך בין זיך קיינמאל נישט מתעלם פון דיר, נאר פארקערט, איך בין מיט דיר, און איך בין אייביג מיט דיר, און איך שפיר מיט דיין געוואלדיגע גרויסע צער וואס דו מאכס'ט נעבעך מיט דא אין דעם שווער'ן ביטער'ן גלות.

און דאס זאגט דאך אונז שוין טאקע רש"י הק' בפירוש אויף דעם פסוק פון: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים", אז די פסוק מיינט דא צו זאגן מיט דעם, אז: "נתן עליהם לב" – אז דער אייבערשטער האט (כביכול) צו געלייגט "הארץ" צו די צער פון די יודישע קינדער, און ער האט מיט געשפירט זייער גרויסע צער וואס זיי האבן נעבעך מיט געמאכט אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", ווייל: "ולא העלים עיניו" – ווייל דער אייבערשטער איז זיך דאך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" פון א יודיש קינד ח"ו, נאר פארקערט, דער אייבערשטער הערט דאך שטענדיג אויס די ווי געשריי פון א יודיש קינד: "בכל מצב שהוא" – נישט קיין חילוק וואו ער זאל נאר זיין.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וגו', ווייל די ווערטער: "וַיַּרְ**א** אֱלֹקִי**ם** אֶ**ת** בְּנֵי יִשְׂרָאֵ**ל** וַיֵּדַ**ע** אֱלֹקִים – איז דאך סופי תיבות: "אֱמֶת מְעָלַי", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער אייבערשטער איז דא (כביכול) מגלה דעת פאר א מענטש היינטיגע צייטן, אז די אמת'דיג קייט וואס עס איז אויף מיר איז, אז איך בין זיך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" פון א יוד, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב דו ביזט נאר.

און ביז דעם פסוק פון: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וגו'.. ווערט דאך טאקע נאר דערמאנט דעם ענין אז דער אייבערשטער האט געהערט די ווי געשריי פון די יודישע קינדער אין זייער גלות, און אז ער האט געדענקט זיין בונד וואס ער האט געשלאסן מיט אונזערע הייליגע אבות הק'.

אבער נאך דעם וואס דאס ווערט שוין דערמאנט אזוי פיל מאל אין די פסוקים, ווערט דאס יעצט נאך אמאל דערמאנט אין דעם פסוק בלשון "בתמיה" – בלשון "וואונדער", און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק: "וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" וגו', ווייל די ערשטעווארט פון דעם פסוק איז דאך: "וַיַּרְא", און די לעצטע אות פון די ווארט: "וַיַּרְ**א**" איז דאך די אות אל"ף וואס דאס גייט דאך ארויף אויף דעם הייליגן: "אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" – וואס דאס גייט דאך ארויף אויף דעם הייליגן באשעפער, און דער אייבערשטער זאגט דאך דא גאנץ פאר כלל ישראל, אז וויסן זאלט איר, אז איך בין זיך דאך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" פון קיין שום יוד אין קיין שום מצב.

און די ווערטער: "אֱלֹקִי**ם** אֶ**ת** בְּנֵי יִשְׂרָאֵ**ל** וַיֵּדַ**ע** אֱלֹקִי**ם**" – איז דאך טאקע אויך סופי תיבות: מִתְעַלֵּם י', און דאס גייט דאך "בלשון בתמיה", ווייל דער אייבערשטער זאגט דא פאר די יודישע קינדער אין זייערע גלות'ן, אז נאך די אלע פסוקים וואס עס שטייט דאך שוין אזוי קלאר ארויס געשריבן אז איך האב געהערט ענקער ווי געשריי, און אז איך האב געדענקט מיין צו זאג וואס איך האב צו געזאגט פאר

ענקערע הייליגע אבות הק', האסטו דען נאך אמאל א הוה אמינא אז איך בין זיך חס ושלום אמאל: "מִתְעַלֵּם" פון א יו"ד און איך לאז איהם ח"ו איבער אליין..?!

חס ושלום אפילו אזוי צו טראכטן..! [זאגט דער הייליגער באשעפער], ווייל איך בין זיך דאך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" פון קיין שום יו"ד אין קיין שום מצב, ווייל דער אייבערשטער ווערט דאך אָן גערופן מיטן נאמען: "בַּעַל הָרַחֲמִים", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביים דאווענען, אז: "וּבַעַל הָרַחֲמִים נִקְרֵאתָ" – אז דער אייבערשטער ווערט אָן גערופן א: "בַּעַל הָרַחֲמִים", און ממילא דער אייבערשטער וועט זיך דאך זיכער קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" זיין חס ושלום פון קיין שום יו"ד בשעת ווען ער האט אמאל א צרה, נאר פונקט פארקערט, דער אייבערשטער וועט אין אלע שפעטער'ע דורות ווייטער טוהן דאס וואס רש"י הק' האט דאך אונז שוין מגלה געווען אין די פרשה פון דעם "גלות מצרים", אז וואס..?! אז: "נתן עליהם לב" – אז דער אייבערשטער האט (כביכול) שטענדיג א "שימת לב" צו כלל ישראל, און כל שכן וכל שכן אז: "ולא העלים עיניו" – און כל שכן וכל שכן אז ער וועט זיך קיינמאל נישט "מִתְעַלֵּם" זיין פון קיין שום יו"ד.

אבער לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל רש"י הק' איז דאך אונז שוין מסביר דא די ווערטער פון: "וַיֵּדַע אֱלֹקִים" וגו', און רש"י הק' זאגט דאך אונז שוין דא, אז דאס מיינט צו זאגן, אז: "נתן עליהם לב ולא העלים עיניו", אבער לכאורה וואלט דאך געווען גענוג ווען רש"י הק' זאגט אסאך אסאך פשוט'ער, ווייל לכאורה וואלט דאך דא רש"י הק' געקענט זאגן, אז דו זאלסט וויסן, אז: "וַיֵּדַע אֱלֹקִים" מיינט, אז: "נתן עליהם לב" – אז דער אייבערשטער האט (כביכול) צו געלייגט א הארץ צו כלל ישראל, און דער אייבערשטער האט (כביכול) מיט געוויינט מיט די יודישע קינדער וואס ליידן נעבעך אזוי פיל צרות אין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", און דאס איז עס..?!

פארוואס איז רש"י הק' ווייטער ממשיך מיט נאך ווערטער, און ער זאגט אונז, אז דו זאלסט וויסן, אז: "ולא העלים עיניו" – אז דער אייבערשטער האט זיך קיינמאל נישט פארהוילן פון כלל ישראל, פארוואס פעלט אויס די ווערטער פון: "ולא העלים עיניו"..?! דו האסט דאך שוין פריער געזאגט אז: "נתן עליהם לב" – דו האסט דאך שוין פריער געזאגט אז דער אייבערשטער האט (כביכול) צו געלייגט א הארץ צו די יודישע קינדער און מיט געוויינט מיט די יודישע קינדער, און פון די ווערטער: "נתן עליהם לב" פארשטיי איך דאך שוין פון זיך אליין אז: "ולא העלים עיניו" – און פון די ווערטער: "נתן עליהם לב" פארשטיי איך דאך שוין פון זיך אליין אז דער אייבערשטער האט זיך דאך נישט פארהוילן פון כלל ישראל, ווייל אויב ער האט געהאט א "שימת לב" צו כלל ישראל, דעמאלט'ס מוז דאך על כרחך זיין אז: "ולא העלים עיניו" – דעמאלט'ס מוז דאך על כרחך זיין אז ער האט זיך דאך נישט פארהוילן פון זיי..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דא איז געלעגן באהאלטן אסאך אסאך א טיפער'ע כוונה ווי מען מיינט, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז ווען די יודישע קינדער זענען געווען אין דעם וויסט'ן מדבר, איז דעמאלט'ס נגזר געווארן אויף זיי אז זיי זאלן שטארבן אין די מדבר (וויבאלד זיי האבן געזינדיגט דעמאלט'ס), און שפעטער.. ווען עס איז נישט געווען וואס צו טרינקען אדער עסן, וואלט זיך דאך דעמאלט'ס דער אייבערשטער רואיגערהייט געקענט אָן רופן צו די יודישע קינדער און זיי זאגן אז.. קוקט'ס אהער, עס איז דאך סיי ווי סיי אפ געשריבן געווארן אויף ענק אז ענק ווען'לן דארפן שטארבן אין די מדבר, נו.. יעצט איז דאך ממש א פאסיגע געלעגענהייט, ווייל ענק האבן דאך שוין סיי ווי סיי נישט קיין וואסער מער צו טרינקען יעצט, און ממילא וועגן דעם קענען ענק דאך שוין יעצט אויס גיין פון הונגער אדער פון דארשט.

אבער.. ניין, דער אייבערשטער האט נישט געמאכט אזא חשבון, ווייל אזא חשבון איז טאקע א אמת'ע חשבון, אבער דאס עקזעסטירט נישט ביים אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער וועט דאך בשום אין פנים ואופן קיינמאל נישט צו לאזן אז א יודיש קינד זאל פשוט אויס גיין פון צער און עגמת נפש, ווייל דער

אייבערשטער איז דאך אָן געפילט מיט איין מורא'דיגע זאך וואס הייסט: "רחמים" – רחמנות, און אין די וועלט ווערט אָן גערופן די רחמנות פון דעם אייבערשטן מיט דעם אויס דרוק: "רַחֲמֵי שָׁמַיִם מְרוּבִּים", ווייל.. יא, די רחמנות פון דעם אייבערשטן איז: "מְרוּבִּים" – די רחמנות פון דעם אייבערשטן איז גאר גאר אסאך, און עס האט דאך נישט קיין שום גבול און סוף, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע בשעת ווען מיר דאווענען צום הייליגן באשעפער, אז: "אֵ-ל מָלֵא רַחֲמִים" – אז דער אייבערשטער איז דאך אָן געפילט מיט די זאך וואס הייסט "רחמנות", און דער אייבערשטער איז דאך טאקע אָן געפילט מיט די זאך וואס הייסט: "רחמנות", און נישט נאר דעם, נאר: "כִּי אַתָּה הוּא בַּעַל הָרַחֲמִים" – נאר דער אייבערשטער ווערט אָן גערופן מיטן טיטול: "בַּעַל הָרַחֲמִים".

און פונקט אזוי ווי מען רופט אָן איינער וואס קען גוט בלאזן "שופר" אז ער איז א "בעל תוקע", און פונקט אזוי ווי מען רופט אָן איינער וואס טוט "חסד" מיט אנדערע מענטשן אז ער איז א "בעל חסד", ווייל דאס איז דאך זיין אומנות, צו טוהן "חסד" מיט אנדערע מענטשן, די זעלבע זאך איז דאך אויך (כביכול) מיטן: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", ווייל.. יא, די אומנות פון דעם אייבערשטן איז, אז ער איז גאר א גרויסע "בַּעַל הָרַחֲמִים".

און וועגן דעם ווייסן מיר דאך שוין טאקע אלע, אז אויב א מענטש טוט טאקע באמת "תשובה" אויף זיינע שלעכטע מעשים וואס ער האט געטוהן, און ער איז זיך מודה פארן הייליגן באשעפער, און ער זאגט פארן הייליגן באשעפער, אז עס איז אמת טאקע אז איך האב טאקע געטוהן די און די עבירה, אבער אין אמת'ן האב איך דאך גאר שטארק "חרטה" אויף דעם, און איך וויל זיך דאך אין אמת'ן גאר שטארק צוריק קערן צו דיר, דעמאלט'ס: "אַתָּה מְרַחֲמֵהוּ" – האט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך רחמנות אויף איהם, און דער אייבערשטער נעמט איהם דעמאלט'ס גלייך צוריק צו איהם אין שויס.

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע בפירוש ביי יום כיפר קטן א יעדע ערב ראש חודש [ביי דעם ווידוי פון דעם הייליגן רבינו ניסים זצ"ל], אז אויב: "וְאִם מוֹדֶה וְעוֹזֵב" – אז אויב דו ביזט זיך מודה פארן הייליגן באשעפער אז דו האסט זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין, און דו "לאזט אפ" דיינע אלע אלטע פעקל'עך, און דו זאגס'ט פארן אייבערשטן אז איך וויל זיך שוין טאקע באמת צוריק קערן צו דיר, און איך וויל שוין טאקע באמת זיין גוט, דעמאלט'ס: "אַתָּה מְרַחֲמֵהוּ" – האט דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך רחמנות אויף דיר און ער עפענט דיר דעמאלט'ס גלייך אויף אלע: "שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה", און ער נעמט דיר דעמאלט'ס גלייך צוריק צו איהם אין שויס (כביכול).

ווייל: "כי לא תחפוץ במות המת" – ווייל דער אייבערשטער וויל דאך נישט אז א מענטש זאל געשטראפט ווערן אויף זיינע עבירות, נאר דער אייבערשטער וויל איין איינציגע זאך פון א מענטש, און דאס איז, אז: "כי אם בשובו מדרכו וחיה" – אז א מענטש זאל "תשובה" טוהן פון זיינע שלעכטע וועגן, און בלייבן לעבן, און ווען א מענטש טוט תשובה מיטן גאנצן הארץ, איז איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך מוחל אויף אלע זיינע עבירות, ווייל דער אייבערשטער וויל דאך נישט אז א יוד זאל שטארבן ח"ו, און ממילא וועגן דעם וועט ער קיינמאל נישט צו לאזן אז א יודיש קינד זאל ח"ו אויס גיין פון צער, אפילו ווען עס קומט זיך איהם אין אמת'ן, ווייל דער אייבערשטער איז דאך דער גרעסט'ער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" וואס וויל דאך נאר גוט'ס טוהן מיט זיינע באשעפעניש'ן, און ממילא וועגן דעם וועט ער קיינמאל נישט צו לאזן אז א יודיש קינד זאל ח"ו אויס גיין פון צער און ווייטאג.

און ממילא דאס וויל אונז דא רש"י הק' מסביר זיין, אז דער אייבערשטער וועט קיינמאל נישט צו לאזן אז יודיש קינד זאל ח"ו אויס גיין פון צער אין זיין נויט, און.. והא ראי', ווייל: "נָתַן עֲלֵיהֶם לֵב", און די ווערטער: "**נָ**תַ**ן** עֲלֵיהֶ**ם** לֵ**ב**" – איז דאך סופי תיבות: "בַּמָּן", און דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער אזוי, אז מען זעהט דאך ביי די: "מָּן" אז דער אייבערשטער האט דעמאלט'ס "רחמנות" געהאט אויף די יודישע קינדער אפילו ווען ער געקענט מאכן א מורא'דיגע אמת'ע חשבון אז עס איז דאך שוין סיי

ווי סיי באשערט די עונש "מיתה" פאר די יודישע קינדער אין דעם וויסט'ן מדבר, און ממילא וואלט דאך דעמאלט'ס דער אייבערשטער רואיגערהייט געקענט זאגן, אז פארוואס דארף איך יעצט ברענגען צו עסן אדער צו טרינקען פאר די יודישע קינדער אין דעם מדבר..?! זאלן זיי שוין אלע יעצט אויס גיין, ווייל עס איז דאך שוין סיי ווי סיי נגזר געווארן אויף זיי דעם עונש פון "מיתה במדבר".

אבער.. ניין, דער אייבערשטער האט נישט געמאכט אזא חשבון, און: "ולא העלים עיניו" – און ער זיך נישט פארהוילן פון די יודישע קינדער אפילו ווען ער זיך אין אמת'ן געמעגט פארהוילן פון זיי, נאר ער האט זיך שטענדיג געפירט: בְּמִדַּת "הַחֶסֶד" מיט די יודישע קינדער, און ער האט זיי יא געגעבן ["מָן"] צו עסן אין דעם וויסט'ן מדבר, ווייל: "כִּי אַתָּה הוּא בַּעַל הָרַחֲמִים" – ווייל דער אייבערשטער איז דאך א ריכטיג'ער מוסטער פון א אמת'ע: "בַּעַל רַחֲמִים", און דער אייבערשטער איז דאך א: "אֵ-ל מָלֵא רַחֲמִים" – און דער אייבערשטער איז דאך א גאט וואס איז דאך אָן געפילט מיט גרויס "רחמנות".

און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז די פשט פון די ווערטער: "נָתַן עֲלֵיהֶם לֵב" וכו' איז, אז וויבאלד מיר האבן דאך שוין אלע געזעהן מיט די אייגענ'ע אויגן אז: "**נָ**תַ**ן** עֲלֵיהֶ**ם** לֵ**ב** בַּ**מָ**ן" – אז וויבאלד מיר האבן דאך שוין אלע געזעהן מיט די אייגענ'ע אויגן אז דער אייבערשטער האט זיך יא וויסנ'דיג געמאכט פון די געבעט פון די יודישע קינדער ביי די מעשה פון די: "מָן" טראץ דעם וואס ער וואלט זיך דאך אין אמת'ן נישט געמוזט וויסנ'דיג מאכן פון די "געבעט" פון די יודישע קינדער אין דעם מדבר, ממילא וועגן דעם איז דאס אויך א לימוד פאר אונז אויף אייביג, אז: "ואל העלים עיניו" – אז דער אייבערשטער וועט זיך דאך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" זיין פון קיין שום יוד, נאר פארקערט, ער וועט זיי נאך אמאל מוחל זיין, און ער וועט זיי נאך אמאל מוחל זיין, און ער וועט זיי נאך אמאל מוחל זיין, ווייל דער אייבערשטער איז דאך דער גרויסער: "אֵ-ל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת":

וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה אֶת צֹאן יִתְרוֹ חֹתְנוֹ וגו' וַיָּבֹא אֶל הַר הָאֱלֹקִים חֹרֵבָה: עס שטייט אין די ספרים הק', אז ווען דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש, דעמאלט'ס שיקט ער דאס נאר, ווייל דער אייבערשטער וויל זעהן ווי אזוי דער יוד וועט זיך אויף פירן בשעת ער געפונט זיך נאך אין דעם צרה, אבער פון די אנדערע זייט, איז שוין אָן גע'גרייט פון פריער א פונקטליכ'ע צייט ווען די צרה וועט אוועק גיין פון איהם, או ממילא דא ביי משה רבינו, ווען ער האט געפאשעט די שאף פון זיין שווער יתרו, האט ער דאך א גאנצן צייט געטראכט וואס טוט זיך מיט די יודישע קינדער אין מצרים, און וואס טוט זיך מיט זיי..?! און צו דען האלטן זיי דאס בכלל אויס..?! ווייל ער פלעגט דאך אליין העלפן די יודישע קינדער מיט זייער ארבעט ווען ער איז נאך געווען אין דעם לאנד מצרים.

און ממילא וועגן דעם טאקע, האט זיך דער אייבערשטער טאקע באוויזן צו משה רבינו דוקא אין דעם פלאץ וואס הייסט: "חֹרֵב", ווייל די ווארט: "חֹרֵב" – איז דאך גימטריא: ר"י – צוויי הונדערט און צעהן, פונקט די זעלבע נומער וויפיל יאר די יודישע קינדער וועלן ליידער דארפן ליידן אין דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת מִצְרַיִם", ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם ווייזן פאר משה רבינו, אז איך פארשטיי אז דו דאגה'סט אויף די יודישע קינדער, ווייל דו האסט דאך געזעהן מיט דיינע אייגענ'ע אויגן זייער צער און ווייטאג.

אבער דו דארפס'ט שטענדיג געדענקען, אז אלעס פירט זיך פון אויבן, און נאר נאך דעם וואס די יודישע קינדער וועלן א דורך גיין: "אַחַר הַמִּדְבָּר" – אזא שווער'ן מדבר ווי: "גָלוּת מִצְרַיִם", וועלן זיי שפעטער קענען צו קומען: "אֶל הַר הָאֱלֹקִים" – צו דעם בארג סיני, און מקבל זיין דער הייליגער תורה הק', און דער אייבערשטער האט דא געוואלט אויס לערנען פאר משה רבינו, אז נישט אלעמאל קענסטו פארשטיין פארוואס די צער פון א יוד גייט נישט גלייך אוועק, און דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם ווייזן פאר משה רבינו, אז.. געב א קוק, "הַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ" – די שטעכעדיגע צרה ברענט זיך אויס מיט הייסע תפילות ישראל וואס איז דומה צו א פייער, אבער ליידער ליידער: "וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל" – ווערט נישט די

צרה אוועק גענומען גלייך פון כלל ישראל, ווייל מען דארף האבן אביסעל'ע "סבלנות", און ביז דערווייל זיך פרעגלען אין: "אֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אין דעם הייליגן באשעפער: "שֶׁהוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים" – וואס פירט אלעס מיט א פונקטליכ'ע חשבון.

און דער אייבערשטער האט דוקא געוואלט, אז משה רבינו זאל דוקא אָן קומען צו דעם פלאץ וואס הייסט: "חֹרֵב", כדי אז ער זאל זיך געבן א דערמאן פון דעם הבטחה וואס דער אייבערשטער האט צו געזאגט פאר זיין זיידע אברהם ביי דעם ברית בין הבתרים, אז: "וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה" – אז זיינע אייניקל'עך גייען נעבעך געפייניגט ווערן פאר פיר הונדערט יאר (אלעס צוזאמען, כידוע, אבער בעצם.. איז דאס נאר געווען ר"י שנים – צוויי הונדער און צעהן יאר), און מען גייט זיי נישט סתם פייניגן, נאר מען גייט אפילו הארגע'נען גאר אסאך פון זיי, און די וואס וועלן שוין יא זוכה זיין צו ארבעטן, וועלן דארפן ליידער ארבעטן א: "עֲבֹדָה קָשָׁה", וואס איז א: "עבודה המפרכת את הגוף ומשברתו" – אזא ארבעט וואס צוברעכט אינגאנצן דעם מענטש, אזוי ווי רש"י זאגט שוין אין די וואכעדיגע פרשה, כדי אז משה רבינו זאל זיך פשוט פרעגלען אין: "אֱמוּנָה".

און ממילא דאס האט דער אייבערשטער געוואלט אז משה רבינו זאל פארשטיין, און ער געזאגט פאר משה רבינו, אז איך פארשטייט אז דו קענסט נישט שלאפן רואיג בייינאכט ווייל דו טראכסט דאך פון דיינע יודישע ברודער'ס: "הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה" – וואס געפונען זיך ליידער אין אזא שווערן מצב, און זיי ווארטן טאקע אויף דיר אז דו זאלסט זיי שוין קומען אויס לייזן: "מִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה" פון זייער גלות, אבער וויסן זאלסטו, אז דאס וואס דו זעהס'ט אז די דארן בוים ווערט נישט פאר ברענט [וואס איז דאך אנטקעגן די מציאות, ווייל דערנער איז דאך די ערשטע זאך וואס דארף אָן הייבן ברענען וואס דאס געפונט נאר אפילו נאנט צו א פייער, דאס אלעס] איז א סימן פאר דיר, אז אלעס פירט זיך פון אויבן, און א יוד טאר ח"ו קיינמאל נישט האבן קיין טענות אויפן השגחה עליונה.

נאר פארקערט, לעבן מיט דעם אייבערשטן, און נישט אוועק ווארפן דעם הייליגן באשעפער ווען עפעס גייט מיר שווער, ווייל: אפילו ווען א מענטש געפונט זיך ליידער: "מִתּוֹךְ הַסְּנֶה" – אין דעם דארן בוים ממש, און ער איז אינגאנצן צו שטאכן און צובראכן, און ער איז אין ממש א בחינה פון: "וַיַּסְתֵּר" מֹשֶׁה פָּנָיו – פון א הסתרה פון דעם אייבערשטן, דארף ער נאך אלץ פראבירן אז עס זאל זיין: "יָרֵא" – יראת השם, און ער זאל נישט אויף הערן: "מֵהַבִּיט אֶל הָאֱלֹקִים" – פון צו האפן צום אייבערשטן: "עַד סוֹף יָמָיו", ווייל דאס איז דאך די גאנצע לעבן פון א יוד: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, און טאקע ווען א מענטש זעהט נישט דעם אייבערשטן, זאל ער דוקא דעמאלט'ס אויס שרייען, אז: "הֲיֵשׁ יהו-ה בְּקִרְבֵּנוּ" – אז דער אייבערשטער געפונט זיך דא לעבן מיר, און מיט דעם ווייזן פארן אייבערשטן אז כאטשיג מיר גייען א דורך אזעלכע שווערע נסיונות, וועלן מיר אבער נאך אלץ קיינמאל נישט אוועק גיין פון אונזער הייליגע: "אֱמוּנָה".

און ממילא וועגן דעם טאקע האט זיך דער אייבערשטער טאקע באוויזן צו משה רבינו: "בְּלַבַּת אֵשׁ מִתּוֹךְ הַסְּנֶה", כדי צו ווייזן פאר משה רבינו (און פאר אלע דורות שפעטער), אז אפילו עס דיין צרה שטעכט דיר ווי א דארן, און אפילו דיין צרה ברענט דיר ווי א פייער, ממש.. אז מען קען דאס מער נישט אויס האלטן, דארף זיך אבער א מענטש שטענדיג קענען מחזק זיין, און געדענקען, אז אין מיין: "לַבַּת אֵשׁ מִתּוֹךְ הַסְּנֶה" געפונט זיך אבער נאך אלץ דעם: "וַיֵּרָא מַלְאַךְ יהו-ה" – דער אייבערשטער אליין, ווייל דער אייבערשטער האט דאך קלאר געזאגט, אז: "אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה" – אז איך גיי מיט צוזאמען מיט א יעדע יוד אין זיין גלות, און: "עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה" – און איך שטיי לעבן דיר בשעת ווען דו געפונסט זיך אין א צרה, און טאקע וועגן דעם איז: "יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ" – און טאקע וועגן דעם ווערסטו גע'ענטפערט ווען דו רופסט מיר, דו ווייסט פארוואס: "יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ" – איך ענטפער דיר גלייך ווען דו רופסט מיר..?! ווייל: "עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה" – ווייל איך שטייט דאך לעבן דיר, און איך וויין דאך מיט צוזאמען מיט דיר, און וויבאלד דו ביזט טאקע אזוי נאנט צו מיר, ממילא ווערסטו אסאך שנעלער גע'ענטפערט.

און טאקע וועגן דעם האט זיך דער אייבערשטער טאקע באוויזן צו משה רבינו אין דעם פלאץ וואס הייסט: "חֹרֵב", ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם מרמז זיין פאר משה רבינו, אז.. זארג זיך נישט איבער דעם שיעור, ווייל איך שטיי דאך דא לעבן די יודישע קינדער אין זייער גלות, און איך האב פונקטליך געזעהן ווי די מצריים פייניגן די יודישע קינדער אָן א אויף הער, אבער דו זאלסט וויסן, אז: "חֹרֵב" – אז איך האב שוין פון לאנג צוריק באשטימט פאר זיי א פונקטליכ'ע צייט ווען זיי וועלן ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן: "גָלוּת מִצְרַיִם", ווייל ווען עס וועט זיך ענדיגן די צאל פון: "חֹרֵב" – וואס דאס איז: ר"י שנים – "צוויי הונדערט און צעהן יאר", (וואס דאס ענדיגן דעם גרויסן חשבון פון פיר הונדערט יאר פון ווען אברהם אבינו איז די ערשטע מאל אראפ געגאנגען קיין מצרים), דעמאלט'ס וועלן די יודישע קינדער גלייך אויס געלייזט ווערן פון זייער ביטער'ן גלות, און זיי וועלן אלע צוזאמען ארויס גיין פון דעם לאנד מצרים.

און פון דעם דארפן מיר זיך ארויס לערנען א מורא'דיגע מוסר השכל, אז אפילו ווען א יוד האט ח"ו א צרה, האט דאס אבער א פונקטליכ'ע מינוט ווען דאס וועט אוועק גיין, און ווען עס קומט אָן די מינוט וואס די צרה דארף אוועק גיין, דעמאלט'ס גייט דאס פלוצלונג אוועק, און עס בלייבט נישט איבער קיין זכר פון דעם, און עס הייבט זיך ווייטער אָן צו גיסן: "הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת מִן הַשָּׁמַיִם עַד אֵין קִצְבָה":

וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט אֶל הָאֱלֹקִים: לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, אז פארוואס האט משה רבינו פאר שטעלט זיין פנים..?! דער אייבערשטער האט דאך שוין אליין געזאגט: "בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ" אויף משה רבינו, אז: "לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא", און אז: "פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֵּר בּוֹ וּמַרְאֶה וְלֹא בְחִידֹת", און איבער אלעמען.. האט דאך שוין דער אייבערשטער אליין געזאגט אויף משה רבינו, אז: "וּתְמֻנַת יהו-ה יַבִּיט" – אז משה רבינו האט געהאט דעם "כח" און דעם "רשות" צו קוקען אויפן הייליגן באשעפער כביכול, און ממילא פארוואס האט דא משה רבינו פאר שטעלט זיין פנים און ער האט מורא געהאט צו קוקען אויף די הייליגע שכינה הק'..?! ער האט דאך געהאט די "יכולת" צו קוקען אויף די הייליגע שכינה הק', ווייל דער אייבערשטער אליין האט דאך שוין געזאגט אויף משה רבינו, אז: "וּתְמֻנַת יהו-ה יַבִּיט" – אז משה רבינו קען דאך יא קוקען אויף דעם הייליגן באשעפער, און ממילא פארוואס איז דא געווען א: "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו"..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז משה רבינו איז דאך טאקע באמת געווען אויף גאר גאר א הויעכ'ע מדריגה עד כדי כך.. אז ער האט דאך טאקע באמת געקענט קוקען אויף די הייליגע שכינה הק', אבער "משה רבינו" האט דוקא פאר דעקט זיין פנים דא, ווייל ער האט געוואלט וויזן מיט דעם פאר אלע שפעטער'ע דורות, אז אפילו ווען עס איז א: "הֶסְתֵּר", און אפילו ווען איך זעה נישט דעם אייבערשטן, אפילו אזוי שריי איך נאך אלץ ווייטער, אז: "יהו-ה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד".

ווייל די געדאנק איז, אז אפילו עס גייט אמאל אריבער אויף מיר א שווערע צייט, און איך זעה נישט דעם אייבערשטן, ווייל עס איז דאך דא א "הסתרת פנים", שריי איך אבער נאך אלץ ווייטער, אז: "יהו-ה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד", און משה רבינו האט ווייטער געזאגט, אז אפילו ווען איך וועל זעהן אז עס האט זיך שוין גע'ענדיגט די צוויי הונדערט און צעהן יאר וואס די יודישע קינדער האבן געדארפט זיין אין דעם: "גָלוּת מִצְרַיִם", און עס וועט שוין זיין "צוויי הונדערט און עלעוו יאר" וואס די יודישע קינדער געפונען זיך שוין אין מצרים, וועל איך נאך אלץ נישט פארלירן מיין: "אֱמוּנָה" אין דעם הייליגן באשעפער, נאר איך וועל ווייטער האפן צו א ישועה וואס וועט בקרוב אָן קומען: "מִן הַשָּׁמַיִם", און איך וועל חס ושלום נישט האבן קיין קשיות אויפן אייבערשטן, נאר איך וועל ווייטער גלייבן אין דעם אייבערשטן, און אין זיין צו זאג.

און ממילא דאס איז פשט אין דעם פסוק פון: "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו" וגו', אז דו ווייסט פארוואס: "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו" – דו ווייסט פארוואס משה רבינו האט דא פאר שטעלט זיין פנים..?! ווייל ער האט געוואלט וויזן מיט דעם פאר א יעדעם איינעם, אז אפילו ווען עס וועט זיין גאר א גרויסע: "הֶסְתֵּר", און עס וועט שוין

זיין: כִּי "יָרֵא", וואס די ווארט: "יָרֵא" – באטרעפט דאך: "צוויי הונדערט און עלעוו", דאס מיינט צו זאגן, אז אפילו עס וועט שוין א דורך גיין צוויי הונדערט און "עלעוו" יאר, און די יודישע קינדער וועלן נאך אלץ נישט האלטן נאך יציאת מצרים.. וועל איך אבער נאך אלץ נישט אויף הערן צו האפן צו דעם איין איינציג'ן באשעפער פון די גאנצע וועלט, נאר איך וועל ווייטער שרייען אין דעם: "הֶסְתֵּר", אז: "יהו-ה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד".

ווייל דאס איז א יוד, א יוד לאזט נישט אפ דעם אייבערשטן ווען זאכן גייען שווער, נאר פארקערט, א יוד כאפט זיך אָן אין דעם אייבערשטן ווען זאכן גייען איהם שווער, ווייל א יודיש קינד דארף אלעמאל וויסן, אז דוקא ווען עס איז דא א גרויסן: "הֶסְתֵּר", און זאכן גייען נישט ווי אזוי איך האב געוואלט, דוקא דעמאלט'ס.. שריי איך אויס, אז: "יהו-ה אֶחָד" – אז עס איז נאר דא איין איינציגע באשעפער אויף די גאנצע וועלט, און דער אייבערשטער ווייסט דאך אויך אז די חשבון שטימט נישט, און דער אייבערשטער ווייסט דאך אויך אין וועלכע מצב איך בין יעצט, און ער האט קיינמאל נישט פארגעסן פון מיר.

און דאס איז דאך א מורא'דיגע שטארקע לימוד פאר אונז, ווייל אויב א מענטש זעהט אמאל אז זיין ישועה פארזוימט זיך גאר א לאנגע צייט, און ער זעהט גאר א גרויסע "הסתרת פנים", דעמאלט'ס דארף ער גוט געדענקען וואס משה רבינו האט געזאגט, אז אפילו עס וועט זיין א: "וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו" – א גרויסן: "הֶסְתֵּר", און עס וועט שוין א דורך גיין: כִּי "יָרֵא" – די סכום פון: "יָרֵא", דאס מיינט.. "צוויי הונדערט און עלעוו יאר", וועל איך אבער נאך אלץ נישט אויף הערן: "מֵהַבִּיט אֶל הָאֱלֹקִים" – פון צו ארויס קוקען צום אייבערשטן אויף די ישועה, נאר איך וועל שטענדיג האפן און ווארטן אז אט אט אט וועט אָן קומען די גרויסע ישועה: "מִן הַשָּׁמַיִם", ווייל א יודיש קינד טאר ח"ו קיינמאל נישט פארלירן זיין ריינע: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם: "בּוֹרֵא עוֹלָם", נאר פארקערט, שטענדיג האפן צום אייבערשטן אז אט אט וועט אם ירצה השם אָן קומען א גרויסע ישועה: "מִן הַשָּׁמַיִם", ווייל א יודיש קינד דארף דאך אלעמאל געדענקען, אז: "יְשׁוּעַת יהו-ה" – אז א ישועה פון דעם אייבערשטן, קען דאך אָן קומען: "כְּהֶרֶף עַיִן" – אזוי שנעל ווי א אויגן בליק.

און עס שטייט טאקע פון איינער פון די פריער'דיגע צדיקים, אז פארוואס טאקע מאכט מען צו די אויגן ביי שמע ישראל, און נישט ביי קיין שום אנדערע פסוק..?! האבן צדיקים געזאגט, ווייל מען וויל ווייזן מיט דעם, אז דוקא ווען דו זעהס'ט נישט גארנישט, און עס איז דיר טונקל און פינסטער.. זאלסטו דעמאלט'ס שרייען, אז: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יהו-ה אֱלֹקֵינוּ יהו-ה אֶחָד", און נישט פארלירן דיין: "אֱמוּנָה טְהוֹרָה", און מיט מיר בעטן טאקע דעם הייליגן באשעפער, אז אויב עס וועט ח"ו פאסירן ביי אונז א מצב פון: "אָסֻרָה נָּא", און מיר וועלן ליידער אוועק גיין פון דעם דרך הישר, דעמאלט'ס בעטן מיר דעם הייליגן באשעפער, אז דעמאלט'ס זאל גלייך זיין: "וְאֶרְאֶה אֶת הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה" ווי אזוי משה רבינו ווייזט אונז וואס צו טוהן אין א צייט פון: "הֶסְתֵּר", און דאס זאל אונז טאקע צוריק ברענגען צום הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים":

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָאֱלֹקִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתִּי לָהֶם אֱלֹקֵי אֲבוֹתֵיכֶם שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְאָמְרוּ לִי מַה שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם: די פסוק זאגט דאך אונז דא, אז משה רבינו האט דאך דא געפרעגט דעם אייבערשטן, אז אויב איך וועל קומען זאגן פאר די יודישע קינדער אז די גאט פון ענקערע עלטערן האט מיר געשיקט צו ענק, דעמאלט'ס וועלן זיי מיר פרעגן: "מַה שְּׁמוֹ" – וואס איז זיין נאמען..?! דאס מיינט צו זאגן, נו.. וואס האט ער אונז צו זאגן בשעת מיר געפונען זיך אין אונזער שווער'ן ביטער'ן: "גָּלוּת מִצְרַיִם" ווי מען פייניגט אונז אויס..?! און וואס האט ער אונז צו זאגן אין אונזער "טומאת מצרים" ווי מיר געפונען זיך ליידער..?! און ממילא האט משה רבינו געפרעגט דעם אייבערשטן, אז וואס וועל איך זיי קענען ענטפער'ן דעמאלט'ס..?! ווי אזוי קען איך בכלל רעדן צו אזעלכע יודן וואס געפונען זיך אין א פלאץ וואס איז אָן געפילט מיט אזא שטארקע טומאה און זוהמה..?!

האט דער אייבערשטער איהם גע'ענטפערט, אז דו ווייסט וואס דו זאלסט זיי זאגן..?! דו זאלסט זיי זאגן, אז: "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה", דאס מיינט, אז איך וועל זיין, וואס איך וועל זיין, ווייל דעם פשוט'ן לימוד דארף א יעדע יוד נוצן פאר זיך אליין ווען ער האט שווערקייטן ברוחניות, און דער יצר הרע וויל איהם אראפ ווארפן אין א עבירה, און ער דארף שטענדיג טראכטן, אז: "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה" – איך וועל זיין, וואס איך וועל זיין, ווייל עס איז דאך שוין באקאנט וואס עס שטייט אין חז"ל, אז אין מצרים זענען געווען גאר אסאך סארטן יודן, ווייל פון איין זייט איז געווען, ערליכע יודן, און פון די אנדערע זייט איז דאך אבער אויך געווען רשעים וואס האבן זיך נישט אויף געפירט ערליך, אזוי ווי דתן ואבירם און דאס גלייכן.

און ממילא האט זיי דער אייבערשטער געוואלט זאגן מיט דעם, אז: "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה", טראכט נישט אז דו ווילס'ט זיין ווי יענע: "עוֹבֵד יהו-ה", און.. פארוואס קען איך נישט זיין ווי יענע ערליכע יוד..?! נאר טראכט, ווי אזוי קען איך זיין דבוק צום אייבערשטן דורך מיין וועג, ווייל עס מוז נישט זיין אז ווייל דיין חבר איז דבוק צום אייבערשטן דורך א געוויסע וועג.. דארפסטו דאס וועגן דעם נאך מאכן, נאר: "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה" – איך וועל זיין א ערליכע יוד אויף מיין אופן, און איך וועל צו קומען צום אייבערשטן דורך א אנדערע וועג, און איך וועל זיין דבוק צום אייבערשטן דורך מיין סארט אופן.

און דאס איז טאקע די יסוד וואס עס שטייט שוין אין די ספרים הק', אז א יעדע מענטש האט א אנדערע פלאץ ווי ער שפירט א נאנט'קייט צום אייבערשטן, איינער ביים דאווענען, און איינער ביים לערנען, איינער מיטן טוהן חסד, און איינער מיטן טוהן צדקה, און איינער מיט עפעס א אנדערע מצוה, ווייל: "כשם שאין פרצופיהן שוות" – ווייל פונקט אזוי ווי א קיינער האט נישט די זעלבע סארט פנים ווי זיין חבר, "כך אין דעותיהן שוות" – האבן די מענטשן אויך נישט די זעלבע איינ'ע געפיל צו א יעדע זאך, נאר די געדאנק איז טאקע, אז א מענטש זאל זיך שטענדיג איין חזר'ן, אז: "אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה" – איך וועל זיין א ערליכע יוד אויף מיין אייגענעם אופן, ווייל מען דארף נישט אלעמאל נאך מאכן וואס יענער טוט, נאר א יעדע מענטש דארף זיך אליין מאכן א חשבון הנפש בינו לבין קונו, און זעהן, ווי אזוי ער קען ברענגען א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים":

וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי.. וַיֹּאמֶר אֵלָיו יהו-ה מַה זֶּה בְיָדֶךָ וַיֹּאמֶר מַטֶּה: עס ווערט דאך שוין געברענגט אין חז"ל, אז ווען דער אייבערשטער הייסט א מענטש טוהן א "מצוה", דארף מען דאך דעמאלט'ס אינזין האבן בשעת'ן טוהן די מצוה אז איך טוה דער מצוה מיט איין איינציג'ן כוונה, און דאס איז: "כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְוַת בּוֹרְאִי" – כד מקיים צו זיין דעם באפעל פון דעם אייבערשטן וואס האט מיר באפוילן צו טוהן דער און דער מצוה, און דאס איז מיין איינציג'סטע כוונה בשעת'ן טוהן די מצוה, ווייל די שלימות פון די מצוה ווערט נאר דורך דעם וואס דער מענטש האט אינזין די כוונה פון די מצוה בשעת'ן טוהן די מצוה, און דורך דעם וואס א מענטש האט אינזין דעם פשוט'ן "כוונת האחד" בשעת'ן מקיים זיין א מצוה, האט ער מיט דעם משלים געווען די מצוה בשלימות, און מיר ווייסן דאך אויך, אז עס איז דא געוויסע מצוות וואס מען מוז אינזין האבן די טעם פון די מצוה, און אויב האט מען נישט אינזין דעם טעם פון די מצוה.. דעמאלט'ס האט מען לויט טייל שיטות בכלל נישט יוצא די מצוה.

אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אבער וויסן, אז עס איז דאך אבער אויך דא געוויסע מצוות וואס מען דארף נישט פרעגן דעם טעם פון די מצוה, ווייל עס איז דאך דא געוויסע מצוות וואס זענען "חוקים" – געזעצן, און: "ואין לך רשות להרהר אחריה" – און דו האסט נישט קיין רשות נאך צו טראכטן דעם טעם פון די מצוה, ווייל עס איז א "חק"..! און פארטיג, און דער אייבערשטער האט דוקא געוואלט ביי געוויסע מצוות אז מען זאל נישט וויסן דעם טעם, און מען זאל דאס מקיים זיין בלויז מיט דעם איינציג'ן כוונה פון "כוונת האחד", וואס דאס איז: "כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְוַת בּוֹרְאִי".

און ממילא דא ווען משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטן אז: "וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי" – אז די יודישע קינדער וועלן מיר דאך נישט גלייבן אז איך בין טאקע דער שליח פון די גאט פון זייערע עלטערן..?! האט

איהם דער אייבערשטער גע'ענטפערט, אז: "מַה זֶּה בְיָדֶךָ" – וואס האסטו אין דיין האנט..?! "וַיֹּאמֶר מַטֶּה" – האט משה רבינו גע'ענטפערט, אז איך האב א שטעקן, ווייל דער אייבערשטער האט איהם געוואלט ווייזן מיט דעם, אז ביי א מצוה וואס איך הייס דיר טוהן, ביזטו פונקט אזוי ווי א: "מַטֶּה" – א שטעקן, און פונקט אזוי ווי א שטעקן האט נישט אין זיך קיין אייגענ'ע כח, נאר זי טוט נאר אויס פירן די שליחות וואס דער מענטש (וואס האלט דאס) טוט מיט איר, אבער קיין אייגענ'ע כח.. האט זי דאך נישט, און ממילא דאס האט דער אייבערשטער געוואלט מרמז זיין פאר משה רבינו, אז דו דארפס'ט גיין, און אויס פירן די שליחות פון דיין באשעפער, "אפילו אויב די יודישע קינדער וועלן דיר נישט צו הערן", ווייל דאס איז דאך נישט דיין דאגה, נאר דו דארפס'ט דאך נאר זעהן מקיים צו זיין די מצות השם יתברך מיט א "פשטות", אזוי ווי א פשוט'ע שטעקן, ווייל: "כִּי כֵן צִוָּה לוֹ הַמֶּלֶךְ":

וַיֹּאמֶר הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה וַיַּשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה וַיְהִי לְנָחָשׁ וַיָּנָס מֹשֶׁה מִפָּנָיו: עס קען זיך דאך אמאל מאכן ביי א מענטש, אז ער טרעפט זיך פלוצלונג אין גאר א נידריגע מצב, און ער זעהט, אז דאס איז עס, ער איז ממש.. אויף דער ערד, דעמאלט'ס טאר זיך נישט א מענטש ח"ו פארלירן, און גיין נאך נידריגער, נאר פארקערט, הייב זיך אויף, און פראביר נאך אמאל ארויף צו קריכען אויף דעם לייטער, און פראביר נאך אמאל צוריק ארויף צו גיין מעלה מעלה, און פראביר נאך אמאל צו נתעלה ווערן, ווייל עס קען זיך יידער מאכן אמאל, אז ווען א מענטש זעהט אז ער איז גאר גאר נידריג, דעמאלט'ס הייבט ער אָן צו טראכטן שלעכטע מחשבות, און ער טראכט צו זיך, אז איך בין דאך שוין סיי ווי אויף דער ערד.. און ממילא לאמיר שוין גיין נאך נידריגער, ווייל איך בין דאך שוין סיי ווי איין געטינקען אין דעם טיפן בלאטע.

אבער דאס איז א גרויסע טעות, ווייל פון וואס קומט אזא מחשבה..?! דאס קומט נאר פון דעם ווייל דער מענטש מיינט אז ער איז שוין סיי ווי דערנאך, און אז ער קען שוין סיי ווי נישט תשובה טוהן, און ממילא טראכט ער צו זיך, אז אויב איך בין דאך שוין סיי ווי אין דעם בלאטע, לאמיר זיך שוין אינגאנצן ארייןווארפן אין דעם, ווייל איך בין דאך שוין סיי ווי דערנאך, אבער דאס איז גאר א גרויסע טעות, ווייל עס איז נישט דא אזא זאך אז א יוד זאל זיין דערנאך און נישט קענען תשובה טוהן, עס איז פשוט נישט דא אזא זאך, ווייל די גרעסטע רשע אויף דער וועלט, קען דאך אויך תשובה טוהן, און צוריק קומען צום אייבערשטן, און אויב א מענטש וואלט גוט אריין גענומען דעם געדאנק ביי זיך אין קאפ, אז עס איז נישט דא אזא זאך אז איך קען נישט תשובה טוהן, דעמאלט'ס וואלט ער זיך גלייך אויף געהויבן פון זיין בלאטע, און תשובה געטוהן, און געגאנגען ווייטער, און ער וואלט נישט חרוב געמאכט זיינע אנדערע גוטע חלקים פון זיין הייליגע נשמה וועגן דעם נאריש'ן עבירה'לע.

ווייל א יוד איז דאך "קודש" – הייליג, און זיין נשמה איז דאך הייליג, און עס איז פשוט א שאד אז ער נעמט זיין הייליגע נשמה וואס בלייבט הייליג אויף אייביג, און ער טונק'ט דאס ווייטער איין אין זיין בלאטע, און דאס אלעס קומט דאך פון דעם, ווייל דער מענטש מיינט נעבעך אז ער קען דאך שוין סיי ווי נישט צוריק קומען צום אייבערשטן, אבער ווען דער מענטש וואלט געהערט א בת קול וואס רופט אויס, אז עס איז דאך נישט דא אזא זאך אז א יוד קען נישט תשובה טוהן..! דעמאלט'ס וואלט ער זיך דאך זיכער צוריק געקערט צום הייליגן באשעפער.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין דעם פסוק פון: "וַיֹּאמֶר הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה" וגו', ווייל די ווערטער: "אַרְצָה וַיַּשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה וַיְהִי" – איז דאך טאקע אויך סופי תיבות: "יהו-ה", ווייל דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש, אז אויב: "אַרְצָה" – אויב ביזטו אראפ געפאלן אויף דער ערד, דאס מיינט צו זאגן, אז דו ביזט א דורך געפאלן אין א עבירה, און דו האסט זיך פאר זינדיגט פאר מיר, און דו מאכסט נאך צו דעם די פעולה פון: "וַיַּשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה", און דו ווארפסט זיך נאך אינגאנצן אראפ אויף דער ערד, און דו גייסט נאך אראפ נאך נידריגער..?! דאס איז שוין: "וַיְהִי" – דאס איז שוין א גרויסע צער פארן אייבערשטן.

ווייל עס איז דאך די גרעסטע "צער" צו זעהן ווי אזוי א מענטש טוט זאכן: "מחוסר ידיעה" – ווייל עס איז דאך די גרעסטע "צער" צו זעהן ווי אזוי א מענטש טוט זאכן "ווייל ער ווייסט נעבעך נישט אז ער איז קיינמאל נישט פאר פאלן" און אז עס איז קיינמאל נישט צו שפעט, און אז ער קען דאך אלעמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, און ממילא זאגט אונז דער הייליגער תורה הק', אז עס איז דאך אזא גרויסע "צער" צו זעהן ווי א מענטש קען זיך צוריק אויף הייבן צום אייבערשטן, און ער הייבט זיך נישט אויף, נאר ער בלייבט ווייטער ליגן אין זיין בלאטע, און ער האלט און איין זינקען מער און מער אין דעם שאול תחתית.

ווייל אויב דער מענטש וואלט ווען געוואוסט, אז דער אייבערשטער שטייט דא לעבן איהם א גאנצן צייט, און ער רופט דא אויס הויעך, אז: "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים" – אז קום צוריק מיין טייער קינד..! ווייל דו קענסט דאך נאך יא "תשובה" טוהן, וואלט דאך דעמאלט'ס דער מענטש זיכער גלייך "תשובה" געטוהן.

און ממילא דאס איז די זאך וואס א מענטש דארף דאך האלטן און איין חזר'ן, אז דער הייליגער באשעפער איז דאך: "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין", און ער ווארט דאך שטענדיג אויף מיר, אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ראש השנה ביים דאווענען, אז: "עד יום מותו תחכה לו" – אז דער אייבערשטער ווארט דאך ביז דעם לעצט'ן טאג פון דעם לעבן פון א מענטש אז ער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, און: "ואם ישוב" – און די רגע וואס א מענטש וויל תשובה טוהן, איז: "מיד תקבלו" – וועט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך אָן נעמען צוריק, און ממילא א מענטש דארף דאך שטענדיג וויסן, אז דער אייבערשטער הערט דאך אויס א יעדע ווארט וואס איך רעד צו איהם, און ער איז דאך גרייט א יעדע איינציגע מינוט פון דעם טאג מיר צוריק צו נעמען צו איהם, און דו ווייסט פארוואס דער אייבערשטער איז מיר שטענדיג גרייט צוריק צו נעמען צו איהם..?! ווייל: "כִּי יְמִינְךָ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים":

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם**
**בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

ולז"נ זקני הרב ר' יצחק בן יונה ז"ל

(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).